גליון
# באור החיים
פרשת במדבר - תשפ״ו לפ״ק | גליון תת״פ

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה״ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי״ו
לרגל שמחת הכנסת בנו הב׳ חיים אלימלך ני״ו לעוהתו״מ למזל טוב
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב״ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע״י מר״ה חיים נחום האלפערין הי״ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי״ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ״ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### צריך לדבק בדרכי אבותינו ורבותינו

**שאו את ראש כל עדת בני ישראל למשפחותם לבית אבותם.**

פירשו בזה בספרי תלמידי בעש״ט הק׳ שאו את ראש כל עדת בני ישראל, היאך אפשר לנשאות את ראשם של בני ישראל, על ידי "למשפחותם לבית אבותם" למשפחותם הוא מלשון דביקות, כלשון הכתוב (שמוא׳ ב׳ ל״ו) ספחני נא אל אחת וגו׳ וזהו למשפחותם שבני ישראל יתדבקו, "לבית אבותם" למעשי האבות הק׳ להתנהג בדרכי האבות, על ידי זה יזכו לנשיאות ראש, כי אף כאשר האדם מצד עצמו עומד במצב שפל ואין לו שום זכות, בכל זאת, אם מתדבק ומתקשר אל מעשי אבותיו הק׳, ואל רבותינו הק׳ שנקראו אבות, כמו שכתוב (מל״ב ב׳ י״ב) אבי אבי רכב ישראל, ממשיך על עצמו אור קדושתם, ומקבל שפע והארה מהם, ובכחם וזכותם זוכה לנשיאת ראש.

וזהו הענין מה שראו בצדיקים, שכאשר אמרו דברי תורה לפני התלמידים הזכירו מתחלה דברי תורה ששמעו מרבם, וכה התנהגו הרבה מתלמידי המגיד הק׳ ממעזריטש זי״ע, והטעם בזה כדברינו, כי מצד רוב שפלותם הרגישו כי מצד עצמם אין להם שום זכות להמשיך הארה להתלמידים ולנשאות את ראשם, לכן התקשרו אל בית אבותם, כדי שבכח זה יזכו לנשאות את ראש התלמידים.

(פתג״ק במדבר)

### צריך להתנהג בהתלמידים כבן

**אלה תולדות אהרן ומשה.**

פרש״י ואינו מזכיר אלא בני אהרן, ונקראו תולדות משה לפי שלמדן תורה, מלמד, שכל המלמד את בן חבירו תורה, מעלה עליו הכתוב כאלו ילדו.

ודקדקו המפרשים, מהו השכר הזה שנחשב לו בן חבירו כאלו ילדו, וכי יוצא מזה איזה תועלת. ואמרתי שכוונת חז״ל ליתן בזה הוראה, היאך ובאיזה אופן ילמד האדם את בן חבירו תורה, שיטפל עמו כמו שהיה מטפל עם בנו, ואם היה רואה בבנו, שצריך סיוע ועזר להצליח בתורה ויראה, הרי היה עושה כל מה שביכלתו, והיה שוכר בעדו מלמד שיש לו כח הסברה ישרה, או היה יושב הוא עצמו ללמוד עמו יום אחר יום, ולא היה חושך עמל וטירחה בדבה, כי הדבר נוגע בנפשו שבנו יצליח למען השם, כן על דרך זה צריך האדם ללמד את בן חבירו, שימסור את עצמו בעדו כאלו ילדו ממש, וזהו הפירוש, מעלה

המשך בע׳ ב

פרנס פעולות האיחוד
לחודש אייר
נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר לב טוב ומטיב לכל רודף צדקה וחסד מגדולי תומכי מוסדותינו הק׳
מוה״ר חיים יוחנן כהנא הי״ו
לעילוי נשמת זקינו היקר והחשוב
הרב החסיד ר׳ ישראל משה דוד בן ר׳ יחזקאל ע״ה רייזלער
היארצייט חל ביום ט׳ אייר הבעל״ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**דרכיה, דורכ'ן מאכן א וועג און א הכנה צו א מצוה, איז מען זוכה, דרכי נועם, צו שפירן די זיסקייט פון די מצוה.**
(שיח"ק ח"א נ"ד)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דברי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **שמואל מנחם עסטרייכער** הי"ו (קרית יואל)
לע"נ זקינו הרה"ח ר' משה ב"ר נפתלי שרגא פייוול סופר ע"ה - יארצייט כ"ח אייר
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דורכ'ן זיך מקשר זיין צו אבותינו ורבותינו הק' איז מען ממשיך אור קדושתם

וידבר ה' אל משה ואל אהרן לאמר, איש על דגלו באותות לבית אבותם יחנו בני ישראל.

שטייט אין מדרש אויף דעם, חיבה יתירה חבבן הקב"ה שעשאם דגלים כמלאכי השרת וכו'. ומנין שהיא אהבה לישראל, שכן שלמה המלך אומר הביאני אל בית היין ודגלו עלי אהבה וגו'. בשעה שנתגלה הקב"ה על הר סיני ירדו עמו כ"ב רבבות של מלאכים וכו', והיו כולם עשוים דגלים דגלים שנאמר דגול מרבבה, כיון שראו אותן ישראל שהם עשוים דגלים דגלים, התחילו מתאוים לדגלים, אמרו הלואי כך אנו נעשים דגלים כמותן וגו', אמר להם הקב"ה מה נתאויתם לעשות דגלים, חייכם שאני ממלא משאלותכם, שנאמר ובשם אלוקינו נדגול ימלא ה' כל משאלותיך, מיד הודיע הקב"ה אותם לישראל, ואמר למשה לך עשה אותם דגלים כמו שנתאוו, וזהו איש על דגלו, באותות וגו'. ע"כ.

שטעלן זיך די ספרים הק' מבאר צו זיין דעם מדרש, פארוואס האבן אידישע קינדער מתאוה געווען לדגלים, און וואס איז די מעלה צו רוען דווקא מיט דגלים.

קען מען דאס מבאר זיין לויט ווי עס שטייט אנהייב פרשה, שאו את ראש כל עדת בני ישראל למשפחותם לבית אבותם, זענען מפרש די תלמידי בעש"ט הק', שאו את ראש כל עדת בני ישראל, וויאזוי קען מען אויפהייבן די קאפ פון יודישע קינדער, דאס איז דורך למשפחותם לבית אבותם, למשפחותם איז א לשון פון דביקות, אזוי ווי די לשון הפסוק ספחני נא אל אחת וגו', און דאס איז פשט 'למשפחותם' אז אידישע קינדער זאלן זיך מדבק זיין לבית אבותם, צו די מעשים פון די אבות הק', זיך צו פירן בדרכי האבות, דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין צו א נשיאת ראש, ווייל אפילו א מענטש איז מצד עצמו אין א מצב שפל, און ער האט נישט קיין שום זכות, אפי' אזוי אויב איז ער זיך מדבק און מקשר צו די מעשי האבות הק', און צו זיינע הייליגע רבי'ס וואס ווערן אנגערופן אבות, ווי דער פסוק זאגט, אבי אבי רכב ישראל ופרשיו, איז ער ממשיך אויף זיך זייער אור אין זייער קדושה, און ער איז מקבל א שפע און א הארה פון זיי, און אין זייער זכות איז ער זוכה צו א נשיאת ראש.

דעריבער ווען אידישע קינדער האבן מקבל געווען די תורה האבן זיי מורא געהאט, אז עס קען זיין עס וועט קומען א צייט וואס זיי וועלן נישט קענען מקיים זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין, ומצד מעשיהם וועלן זיי נישט האבן קיין שום זכות צו זוכה זיין צו א נשיאת ראש, פארדעם האבן זיי מתאוה געווען צו רוען מיט דגלים, וואס דורך דעם וועלן זיי זיין מקושר צו די אבות הק', אזוי ווי רש"י הק' זאגט, באותות לבית אבותם, מיט דעם אות וואס יעקב אביהם האט זיי איבערגעגעבן ווען מען האט אים ארויפגעטראגן פון מצרים, וואו עס שטייט, ויעשו בניו לו כן כאשר צוה, יהודה יששכר וזבולון, ישאוהו מן המזרח, וראובן שמעון וגד מן הדרום, וכו', קומט אויס אז מיט דעם וואס זיי האבן גערוהט און געצויגן מיט דגלים, האבן זיי ממשיך געווען די מסורה וואס זיי האבן מקבל געווען פון די אבות הק', און דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין צו א נשיאות ראש אפי' ווען זיי וועלן נישט זיין ראוי' צו דעם דורך זייערע מעשים, און דער אייבערשטער האט זיי צוגעזאגט חייכם שאני ממלא משאלותיכם, און ער האט זיי געגעבן מיט דעם א כח, אז זיי זאלן זיך קענען מקשר זיין צו די אבות הק', און אין זייער כח און אין זייער זכות וועלן מיר זוכה זיין צו א נשיאת ראש.

(עבודת עבודה פתג"ק)

המשך מע' א

עליו הכתוב כאלו ילדו, כלומר שהכתוב מעלה עליו, היינו שמטיל עליו חובה, שיהא נחשב בעיניו כאלו ילדו, וכן על דרך זה יתפרש מה שאמרו שם, המגדל יתום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאלו ילדו, פירוש, שהכתוב מטיל עליו חובה לטפל עם היתום, כמו שהיה מטפל עם בנו הנולד לו.

(פתג"ק במדבר)

# ניצוצי קודש

תוכן דברות קודש ששמענו מאת
כ"ק מרן רבינו שליט"א

## בעת רעוא דרעוין שב"ק פר' בהר-בחוקותי העעל"ט

א) ושבתה הארץ שבת לה', שש שנים תזרע שדך. הקשה בספה"ק בת עין שהדברים אינן כסדרן, שמקודם הסדר שש שני הזריעה ואח"כ בא שנת השמיטה, ולמה כתיב להיפך.

ב) שבת לה', פרש"י ז"ל לשם ה' כמו שנא' בשבת בראשית. וקשה מה כתיב בשבת בראשית יותר מבשמיטה שהוא לשם ה'.

ג) וכי תאמרו מה נאכל וכו' וצויתי את ברכתי וכו'. הקשה בנועם אלימלך בשם אחיו הרבי ר' זושא זי"ע דידוע שהתורה לא כתב אות אחת שהוא מיותר, ועל כל מה שנראה מיותר דורשין מזה תילי תלים הלכות, ומה ראה הכתוב כאן להאריך ולכתוב השאלה 'וכי תאמרו מה נאכל'.

*

הנה בעת כזאת שקורין בתורה פרשת בחקותי, 'אם בחוקותי תלכו וכו' ונתתי גשמיכם בעתם', ואומרין 'חזק חזק ונתחזק', נתעורר השאלה, הלא אנו עוברין זמנים קשים וסובלין צרות רבות וקשים, ומתי והאיך יגיע לנו החיזוק וההשפעות האלה, והוה מורגלא בפומיה דרביה"ק ש'התורה הוא ניצחית', ונוגע בכל זמן ועידן, והיאך יקויים בנו ה'ונתתי גשמיכם בעתם', דהיינו השפעות טובות בכל הענינים, והאיך נתחזק במצב הקשה כהיום.

הלא בשבוע העעל"ט שמחנו כולנו ביום הילולת רשב"י באורו הגדול שגילה לנו סודות התורה, הוא היה רואה הנסיונות הקשים שעתידין להיות בימינו עתה, ובכה על זה ואמר "ווי לון לבני דור האחרון", ועכ"ז אמר "אשרי לון למי שיתאמץ אז באמונה האמיתית". לכן צריכין לידע האיך יכולין עכשיו בזמנינו להתאמץ באמונה אמיתית.

הנה ממדרשו של רשב"י למדנו שהכח להתאמץ אף בזמנינו הוא רק ע"י מסירת נפש, שהאדם צריך לקבל עליו להיות 'עבד נאמן לה'', וכך יכול לקבל עליו הכל, ולעשות רצון ה' אפי' כשהוא קשה מאד, שמי ששוכרין אותו לעשות איזה מלאכה, הרי הוא עושה מלאכתו והולך לו, משא"כ עבד הוא נמסר כל כולו ביד רבונו, וכל אדם צריך 'לעבוד את השם'.

**בא איד דארף שרייען "אנא עבד"א דקודשא בריך הוא דסגידנא קמה ומקמה דיקר אוריתה"**, ואני משעבד כל עצמיותי וכל רצוני לרבוני, ואני מקבל עלי כל מה שמביא עלי באהבה, ואני מקבל לעשות הכל כרצון השם, בדרך זה יכול האדם לעשות רצונו ית' בכל מצב שהוא.

וכן מובא בזוה"ק שבעת שקורין קרי"ש לא די בזה שמקבל האדם עול מלכות שמים בכלליות, אלא שצריך לקבל עול מלכות שמים במסירת נפש על כל אבר ואבר, על כל רמ"ח אברים ושס"ה גידים, דהיינו לשמור כל אבר ואבר רק כרצון השי"ת, וכן ללמד את בניו לכך.

וכן ראינו בעינינו על רביה"ק זי"ע האיך הוא קיבל עליו מסירת נפש בעת שקרא קריאת שמע, כל מי שראה זאת נחרט זאת בליבו עדיין, וכן ראיתי אצלו שלא רק ברבים קרא קרי"ש במס"נ זה, אלא אפילו בחדרי חדרים במקום שאף אחד לא הביט בו קרא קרי"ש באופן זה, אני הביט בו בעת שקרא קרי"ש בבית, והוא לא הרגיש האיך אני בא שם ומביט בו, ועכ"ז קרא קרי"ש וקיבל עליו עול מלכות שמים במסירת נפש בכל רמ"ח איבריו.

וכן אמר הרשב"י "בני, שנו מדותי", ומה הוא מדותיו שצריכין אנו ללמוד, היינו מה שלימד מרבו ר' עקיבא, ועליו מביאין חז"ל שבשעה שהוציאוהו להריגה קרא קריאת שמע, ואמרו לו תלמידיו 'רבי עד כאן', וכי זו תורה וזו שכרה, אמר להם 'הלא כל ימי הייתי מצטער על זה, דכתיב ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, ואתם אומרין עד כאן'. ממדותיו של ר' עקיבא למדנו שצריכין לעבוד את ה' במסירת נפש, ולקבל הכל מה שסובלין במסירת נפש.

וביאר הרה"ק בעל אמרי יוסף, שהתלמידים אמרו לר' עקיבא, כמו שראינו האיך שאתה אינך מתרעם על מדותך, ואפילו 'עד כאן' היינו אפילו בזמן קשה ונורא כזו שסורקין בשרך אתה מקבל הכל באהבה, אם כן גם אנו רוצין להגיע לזה, אמר להם הכח הזה בא מזה ש'כל ימי הייתי מצטער על זה דכתיב 'ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך וכו'". היינו שלפי שכל ימיו קיבל עליו כל דבר קשה באהבה, הגיע עי"ז שגם בעת שמסמרין את בשרו יקבלו באהבה.

ועל זה אמר רשב"י "בני שנו מדותי", מדותי הוא ממדות רבי ר' עקיבא להאמין בהשי"ת בכל מצב שהוא ולעבדו במסירת נפש, ועי"ז יכולין להתאמץ אפילו בדור האחרון בנסיונות הקשים. ולזה אמר ר' עקיבא לעולם יאמר האדם 'כל מה דעבד רחמנא לטב עבד', שכדי שיוכל האדם לקבל הכל באהבה במצבים קשים, ולהתאמץ באמונה האמיתית בדור האחרון, צריך לקבל כל מה דעבד השי"ת באהבה רבה בכל יום ויום.

*

והנה מצות שמיטה הוא קשה מאד להאדם, שצריך לעזוב את שדותיו ולהפקירם, שיוכל כל אדם לבא שם, ושמא יבא שם שונאיו ויקלקלו את שדותיו. ורק מי שהוא מורגל וחי בהאמונה השלימה יכול לקיים מצות שמיטה, משא"כ אם האדם אינו חי עם האמונה כדבעי בכל שנה ושנה, הוא קשה לו מאד לקיים מצות שמיטה.

לכן נתן השי"ת את יום השבת, שכל תכליתו הוא להשריש ולשנן את האמונה בהשי"ת, כמו שעשו בנ"י במצרים, כדי שכשיגיע שנת השמיטה כבר יהיה האדם מורגל שהשי"ת הוא לבדו עשה עושה ויעשה לכל המעשים, ממילא יוכל לעזוב את שדותיו ולבטוח בהשי"ת בלי שום דאגה.

לכן מתחיל הכתוב ואומר 'ושבתה הארץ שבת לה'', היינו שישמור שבת בכל שנה ושנה, כדי שבכח זה יוכל לשמור מצות השמיטה בניקל. ועי"ז פרש"י 'לשם ה' כמו בשבת בראשית' שהוא ידוע שבא

לחזק את האמונה בהשי"ת שברא כל העולם, ובזה יוכל האדם לקבל עליו הכל.

*

והנה כאן בחוץ לארץ אין לנו מצות השמיטה, אבל בשנים הקדמונים על אדמת אמעריקע היה נסיונות גדולים בשמירת שבת, כמו במצות שמיטה, ומי ששמר את השבת מחללו הפסיד בכל שבוע את פרנסתו, והצריכו לזה האמונה אמיתית בהשי"ת. אבל בימינו אלה יכולין בניקל לשמור את השבת כדבעי, וכי מהו הנסיון בזמן הזה.

**הײנט איז דא א אנדערע זאך וואס הייסט כלי משחיתים, כלי משחיתים דאס איז הײנט די נסיון, ער רעדט זיך איין אז דאס ברענגט די פרנסה, איז דאס דארף מען זעהן, אז מ'זאל זיך האלטן ערליך מיט די ענין, אז ער דארף עס פאר די פרנסה דארף מען האבן א הכשר, מ'דארף פרעגן א דיין מיט א רב, ער זאל פרעגן זיין רב זיין דיין וויאזוי ער מעג דאס ניצן, ער זאל חס ושלום נישט עובר זיין. א מענטש דארף זיך האלטן צו וויסן אז דער אויבערשטער פירט די וועלט, און ער קען נישט טוישן דעם אויבערשטן'ס רצון, ער קען בעטן דעם אויבערשטן, אבער ער קען נישט טון וואס ער וויל, ווייל דער אויבערשטער פירט אלעס, אז א מענטש ווייסט דאס קען ער אנגיין אזוי א גאנץ לעבן, אזוי וועט ער וויסן אפילו ביי די פרנסה, אויב זעהט ער אז ער דארף עובר זיין אויף א זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן, וועט ער זאגן גלייך "ניין, דער אויבערשטער לאזט נישט". דער אויבערשטער געבט מיר דאך פרנסה, פארדעם וויל איך אנקומען צו די אמונה, און איך וועל גיין נאר מיט דעם דרך.**

ולכן נתן השי"ת מצות שמיטה, משום שכשיש לו לאדם שדות וכרמים, יכול האדם לחשוב שכוחו ועוצם ידו מה שזרע וקציר מזה בא לו פרנסתו, לכן צוה השי"ת שבשנה אחת לא יזרע ולא יצמיח כלום, וציויתי את ברכתי', כדי שיכירו שהכל בא רק ממנו יתברך.

ובזה מבואר קושית הרבי ר' זושא, שכשהאדם בא לקיים מצות שמיטה לעזוב את שדותיו, מתעורר בו הקשיא, והלא 'מה נאכל בשנה השביעית הן לא נזרע וכו', ועכ"ז עושה רצונו יתברך, שבוטח בהשי"ת שהוא יתן לו פרנסתו, לכן אומר לו השי"ת, לפי שאפילו שנתקשה לך הקושיא של 'וכי תאמרו מה נאכל וכו" עכ"ז עשית מצותי, לפי שהאמנת שאתן לך פרנסתך, דוקא בשכר זה 'ציויתי את ברכתי', והברכה ימשך לשלש השנים שהוא חזקה, הכל לפי שאפילו לא הבנת האיך תגיע לך פרנסתך.

וכן הוא בכל דבר ודבר ממהלך החיים, פעמים כשצריכין לעשות רצון השי"ת צריכין לעזוב דבר שנראה שמביא הפרנסה להאדם, ונתעורר הקשיא בהאדם, וכי 'מה נאכל', הלא אפסיד מזה את פרנסתי, אם האדם מחזק את עצמו באמונה שהכל מאתו, ועושה כרצונו יתברך, אזי אומר השי"ת 'וצויתי את ברכתי', לפי שעשית כרצוני אפי' כשנתקשה לך הדבר, והברכה ימשך לך לחזקה, הכל לפי שעשה אפי' כשהיה לו קשיות.

*

הנה פעמים חושב האדם שאין לו פנאי ללמוד תורה לפי שהוא טרוד בפרנסתו, ער דארף דאך אוועקגעבן צייט פאר תורה, לזה אמרה כתוב אם בחקותי תלכו 'ונתתי גשמיכם בעתם', רק אם תקבע עתים לתורה יהיה גשמי ברכה, ונתתי גשמיכם, ונתתי לך השפעות טובות 'בעתם' בשביל הקביעת 'עתים' לתורה, אם אין תורה אינו יגיע לך הפרנסה, שהכל מאתו יתברך, והוא נותן ההשפעות רק בשכר לימד התורה.

וכן אומרו ז"ל 'אם אין קמח אין תורה, אם אין תורה אין קמח', וסתרי אהדדי, אך אם אין קמח אין תורה הוא כפי שיטת עשו, שהוא היה איש ציד, והיה עוסק בכל היום לצוד חיות ולהביא פרנסה, ואח"כ לסוף היום בא אצל אביו, ושאל 'אבא האיך מעשרין את המלח', היינו שבא בדמות בן תורה, ורק אז רצה ללמוד תורה, אחר שכבר היה לו הפרנסה, משא"כ יעקב היה איש תם יושב אהלים, ואמר 'אם אין תורה אין קמח', שכל הפרנסה בא רק בזכות לימוד התורה.

הרי אנו מבניו של יעקב, לכן צריכין לידע שהתורה מביא השפעת הפרנסה, שאם אין תורה אין קמח.

*

השי"ת יעזור שיקיום הפסוק 'וצויתי את ברכתי', ויהיה תכלה שנה וקללותיה, ונזכה לקבל התורה, וכשנקבל התורה יחשב לנו כמו שכבר קיימנו אותה, ויגיע לנו ההשפעות מזה, והנסיונות יעברו מעלינו, ונזכה בקרוב לביאת גואל צדק בב"א.




# א תורה אויף די פרשה

## שאו את ראש כל עדת בני ישראל וגו' לגלגלותם.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס ווען דער אייבערשטער האט געהייסן משה רבינו ציילן די אידישע קינדער, שטייט אין פסוק דאס ווארט "לגלגלותם", אבער שפעטער אין די פרשה, ווען דער אייבערשטער האט געהייסן משה רבינו ציילן די לויים, שטייט נישט דערמאנט דאס ווארט "לגלגלותם".

מען קען דאס פארענטפערן, לויט ווי די גמרא זאגט אין מסכת מנחות (דף ל"ז ע"א), אז א מענטש וואס ווערט געבוירן מיט צוויי קעפ, הייסט א טריפה, ווייל ער קען נישט בלייבן לעבן. לויט דעם, קען מען מסביר זיין דעם חילוק צווישן די צוויי פסוקים, ווייל ווען משה רבינו האט געציילט די אידן חוץ שבט לוי, האט ער זיי געקענט ציילן "לגלגלותם" לויט זייער קאפ צאל, דאס הייסט, ער האט געקענט ציילן די אידן לויט וויפיל קעפ עס זענען געווען ביי זיי, און ער האט נישט געדארפט ארייננקלערן, אז אפשר געפינט זיך צווישן זיי א מענטש מיט צוויי קעפ, ווייל די אידן האט מען געציילט נאר פון צוואנציג יאר און העכער, און א מענטש מיט צוויי קעפ וואלט זיכער נישט געלעבט ביז די צוואנציג יאר, ווייל ער איז דאך א טריפה. אבער ווען דער אייבערשטער האט געהייסן משה רבינו ציילן די לויים, וואס זיי האט מען געציילט פון א חודש און העכער, וואלט זיך דאך ביי זיי יא געקענט טרעפן א מענטש מיט צוויי קעפ, און אויב משה רבינו וועט ציילן לויט די קעפ, וועט ער אפשר רעכענען א מענטש מיט צוויי קעפ, פאר צוויי מענטשן, פארדעם שטייט דארט נישט "לגלגלותם".

(תפארת יהונתן)

## ויהיו בני ראובן בכור ישראל.

לכאורה איז שווער, פארוואס שטייט א לשון עתיד "ויהיו בני ראובן", עס וואלט געדארפט שטיין א לשון עבר "והיו בני ראובן".

קען זיין א שיינע פשט, לויט ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת ויחי, אז כאטשיג יעקב אבינו האט אוועקגענומען די בכורה פון זיין זוהן ראובן, און ער האט עס געגעבן צו זיין ברידער יוסף (ווען ראובן האט ארום געטוישט דעם בעט פון יעקב אבינו), וועט אבער ראובן צוריק ווערן דער בכור פון יעקב לעתיד לבוא. קען זיין, אז דערפאר האט דער פסוק געשריבן א לשון עתיד, "ויהיו בני ראובן בכור ישראל", כדי מרמז צו זיין, אז לעתיד לבוא וועט ראובן ווידער זיין דער בכור פון יעקב אבינו.

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

(אגרא דכלה)

## ויתילדו על משפחותם.

עס שטייט אין מדרש, אז ווען די אידישע קינדער האבן מקבל געווען די תורה, האבן אלע פעלקער מקנא געווען די אידן, און זיי האבן געזאגט "מיט וואס זענען די אידן מער פון אונז, אז זיי זענען זוכה מקבל צו זיין די תורה". האט זיי השי"ת געענטפערט "ברענגט'ס פאר מיר אייערע יחוס, אזוי ווי מיינע קינדער ברענגען זייער יחוס" - אזוי ווי רש"י זאגט דא אויף ויתילדו על משפחותם - "הביאו ספרי יחוסיהם" אז די אידן האבן געברענגט זייער יחוס.

לכאורה דארף מען פארשטיין, די גוים האבן אויך א יחוס, ווייל זיי שטאמען פון ישמעאל אדער עשו, קענען דאך די גוים אויך ברענגען זייער יחוס.

נאר עס איז דא א חילוק צווישן די אידן און די גוים. אז ביי די אידן ווי שפעטער די דורות, ווערן זיי שוואכער און שוואכער, אבער ביי די גוים איז פונקט פארקערט, ווי שפעטער די דורות, ווערן זיי קלוגער און קלוגער, זייער חכמה איז היינט אסאך מער ווי אמאל.

קומט אויס אז ביי די אידן, ווען מען טראכט צוריק אין די יחוס, ווי אזוי די פריערדיגע דורות האבן אויסגעזעהן, ברענגט דאס א געוואלדיגע שטרעבונג פאר א איד צו וועלן זיין אזוי ווי די פריערדיגע דור. אבער ביי די גוים, ווען א גוי טראכט ווי אזוי זיינע פריערדיגע דורות האבן אויסגעזעהן, לאכט ער פון זיי ווי נאריש זיי זענען געווען.

וועגן דעם ווען די גוים האבן מקנא געווען די אידן און האבן אויך געוואלט מקבל זיין די תורה, האט השי"ת געענטפערט פאר די אלע פעלקער, אז די אידן וואס זיי ווילן זיין אזוי ווי זייערע עלטערן און ווי זייערע אבות וואס האבן מקיים געווען די תורה, געב איך פאר זיי די תורה, אבער עטס גוים, וואס ענק ווילן דאך נישט זיין אזוי ווי אייערע עלטערן ענק האלטן אז ענק זענען קלוגער פון זיי, דעריבער קענען ענק נישט באקומען די תורה.

דאס קען זיין די כוונה פון מדרש, הביאו ספר יחוסיכם "כדרך" - אויף די זעלבע וועג און אופן וואס די אידן באניצן זיך מיט זייער יחוס, זיי ווילן זיין ווי זייערע עלטערן, וואס האבן מקיים געווען די תורה.

(שמן ראש)

## ה' את משה בהר סיני.

רש"י זאגט אז דער פסוק רעכענט נאר אויס די קינדער פון אהרן, און נישט די קינדער פון משה, ווייל זיי ווערן אויך גערופן די קינדער פון משה, ווייל משה רבינו האט מיט זיי געלערענט תורה, פון דא לערנען מיר ארויס אז דער וואס לערנט מיט זיין חבר'ס זון תורה, רעכנט איהם השי"ת ווי גלייך ער האט איהם געבוירן.

לכאורה דארף מען פארשטיין, משה רבינו האט נישט געלערנט נאר מיט אהרן'ס קינדער, נאר אויך מיט אלע אידן, און אויב אזוי האבן אלע אידן געדארפט ווערן אנגערופן די קינדער פון משה רבינו.

אויך דארף מען פארשטיין, וואס איז די המשך פון פסוק "ביום דבר ה' את משה בהר סיני", וואס פון פסוק איז משמע אז נאר אין יענעם טאג זענען זיי געווען די קינדער פון אהרן און משה.

אויך איז שווער, פארוואס אין פסוק ב' שטייט נאר "ואלה שמות בני אהרן" און עס שטייט נישט "בני אהרן ומשה" - אז זיי זענען אויך די קינדער פון משה.

מען קען דאס פארענטפערן מיט דעם וואס דער פסוק זאגט (דברים ט' כ') "ובאהרן התאנף ה'" - אז נאך דעם חטא העגל האט דער אויבערשטער געצערנט אויף אהרן, און רש"י זאגט אז דער אויבערשטער האט געוואלט שטראפן אהרן מיט דעם אז זיינע קינדער זאלן שטארבן, נאר משה רבינו האט מתפלל געווען אויף אהרן, און די תפלה פון משה רבינו האט געהאלפן אויף האלב אז נאר צוויי פון אהרן'ס קינדער זענען געשטארבן.

קומט אויס לויט דעם, אז די צוויי קינדער פון אהרן, אלעזר און איתמר וואס זיי זענען געבליבן לעבן דורך די תפילות פון משה רבינו זיי ווערן גערעכענט אזוי ווי משה רבינו וואלט זיי געבוירן. דעריבער שטייט "ואלה תולדות אהרן ומשה" - זיי זענען די קינדער פון אהרן ומשה - דאס מיינט מען אלעזר און איתמר - ווייל "ביום דבר ה' את משה בהר סיני" דעמאלטס ווען משה רבינו איז געווען אויף דעם בארג סיני צו נעמען די תורה האט משה רבינו מתפלל געווען אז די קינדער פון אהרן זאלן נישט שטארבן, און אלעזר און איתמר זענען געבליבן לעבן.

אבער ווען עס שטייט ווייטער "ואלה שמות בני אהרן" און עס שטייט נישט אז זיי זענען אויך די קינדער פון משה רבינו, מיינט מען די אנדערע צוויי קינדער פון אהרן וואס זענען געשטארבן - נדב און אביהוא. מיט דעם פארשטייט מען פארוואס די תורה דערציילט דא אז צוויי קינדער פון אהרן זענען געשטארבן און צוויי זענען געבליבן ביים לעבן.

(כלי יקר)

## ואלה תולדות אהרן ומשה - ביום דבר

# פתיחת כלים בשבת

בו יתבדר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

## פרק ה

## די מלאכה פון 'מוחק' - אויסמעקן

### סעיף א - אריינרייסן אין אותיות אדער בילדער

אפילו אין די פעלער וואס מען מעג צורייסן א פאפיר אדער פלעסטיק, אדער מאכן א לאך אין א כלי. דארף מען אבער אלעמאל אכטונג געבן, אז מען זאל נישט אריינרייסן אין אותיות אדער אין בילדער. ווייל מיט דעם מאכט מען קאליע די אותיות אדער בילדער, און עס איז א גרויסע מחלוקת הפוסקים, צו עס איז שייך ביי דעם דער איסור פון מוחק.

בילדער איז גרינגער ווי ווערטער, ממילא 'בשעת הדחק' קען מען מיקל זיין אריינצורייסן אין בילדער. נאר מען זאל דאס טוהן מיט א שינוי, ווי צוםביישפיל מיט די פארקערטע זייט פון די האנט.

### סעיף ב - אריינרייסן אין ווערטער

אויב מען רייסט אריין אינמיטן אווארט צווישן צוויי אותיות, ווענדט זיך דאס אויך אין א מחלוקת הפוסקים, אבער ביי דעם קען מען זיך פארלאזן אויף רוב פוסקים וואס זענען מתיר, ווילאנג מען רייסט נישט אריין 'אין' א אות'.

### סעיף ג - געבן פאר קינדער

מען מעג געבן פאר קינדער נאשעריי וואס איז פול מיט אותיות און בילדער, כאטש עס איז זייער מעגליך אז די קינדער וועלן נישט גוט אכטונג געבן און זיי וועלן אריינרייסן אין די אותיות אדער **צורות** (וויבאלד עס זענען דא פוסקים וואס זענען מתיר), נאר לכתחילה זאל מען זיי אנזאגן עס צו עפענען אויף א פלאץ וואו עס איז נישט דא קיין אותיות אדער בילדער.

### סעיף ד - א באר קאוד

אויך דארף מען אכטונג געבן נישט אריינצורייסן אין א באר-קאוד. בעיקר דארף מען אכטונג געבן נישט אריינצורייסן אין די באר-קאוד אין די **לענג** (ד.ה. פון אויבן אויף אראפ אדער פון אונטן ארויף), אבער אויף די ברייט (ד.ה. פון רעכטס צו לינקס אדער פון לינקס צו רעכטס) איז נישט דא קיין איסור פון מוחק, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אונטן אין די הערה.[1]

### סעיף ה - דיזיינס

דאס וואס מען טאר נישט אריינרייסן אין בילדער, איז נאר געזאגט געווארן אויב עס איז א 'בילד' פון א געוויסע זאך. אבער סתם 'דיזיינס' וואס זענען געמאכט פאר שיינקייט, איז נישט דא קיין איסור אריינצושניידן אין דעם.

א דיזיין וואס ברענגט עפעס ארויס, צ.ב. א 'לאגא' פון א קאמפאני א.ד.ג. הייסט א געהעריגע בילד, און עס איז יא דא דערביי אן איסור פון מוחק.

## פרק ו-א

## די מלאכה פון 'מחתך במדה' - שניידן מיט א פונקטליכע מאס

### סעיף א - וואס איז די מלאכה

די מלאכה פון מחתך **במדה:** מען איז נישט חייב אויף די מלאכה פון 'מחתך' נאר אויב מען איז מקפיד צו שניידן לויט א פונקטליכע מאס. אבער אויב מען איז נישט מקפיד אויף די מאס, ד.ה. אז עס איז נישט קיין נפקא מינה אויב עס איז גרעסער אדער קלענער, דעמאלטס איז דאס נישט אסור.

געווענליך ווען מען רייסט אויף פלעסטיק בעגס אדער פאפירענע בעגס, איז נישט דא קיין איסור פון 'מחתך במדה', ווייל עס איז נישט קיין נפקא מינה די פונקטליכקייט פון די ריס. און ווען דעם מעג מען אראפרייסן די פלעסטיק פון א פלאש ווייץ א.ד.ג. (זעה פרק ז' סעיף ח') אפילו אויב מען רייסט עס אראפ אויף דעם אנגעצייכנטן פלאץ, וויבאלד עס איז נישט דא קיין קפידא אז עס זאל זיין דוקא אויף דעם מאס. און דאס וואס מען צורייסט עס אויף דעם אנגעצייכנטן פלאץ איז נאר ווייל דארט איז עס גרינגער צו רייסן.

### סעיף ב - מחתך במדה ביי א לאך [פתח]

ביים מאכן א לאך אדער א עפענונג אין א כלי איז נישט דא די איסור פון מחתך במדה (אפילו אויב מען מאכט עס דוקא אויף א געוויסע פלאץ און אויף א געוויסע וועג), וויבאלד די כלי אליינס ווערט נישט גרעסער אדער קלענער דורך די לאך.

לויט דעם קומט אויס אז ווען מען עפענט א טישו באקס אויף דעם אנגעצייכנטן פלאץ, איז נישט דא קיין איסור פון מחתך במדה, אפילו מען וויל עס עפענען דווקא אויף דעם פלאץ כדי עס זאל זיין א שיינע לאך, וויבאלד ביי אן עפענונג אינמיטן פון א כלי איז נישט דא דער איסור פון מחתך במדה, און עס איז נאר אסור וועגן די איסור פון "עשיית פתח" מאכן אן עפענונג (זעה פרק ט' סעיף ח').

---

1 די באר-קאוד ארבעט לויט די דיקקייט פון די ליינס, און לויט די פלאץ וואס איז ליידיג צווישן איין ליין און דאס אנדערע. ממילא אויב רייסט מען אריין אין די באר-קאוד פון אויבן אויף אראפ, רייסט מען אריין אין די דיקקייט פון די ליינס, אדער אין די ליידיגע פלאץ וואס עס איז דא צווישן איין ליין און דאס אנדערע, קומט אויס אז מען מאכט קאליע די באר-קאוד, ווייל מען קען עס מער נישט ליינען. אבער די לענג פון די ליינס מאכן נישט קיין חילוק, ממילא אויב רייסט מען אריין פון רעכטס צו לינקס אדער פארקערט, מאכט עס נישט קאליע די באר-קאוד, ווייל מען קען עס נאכאלץ ליינען.

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## שבת ערב ראש חודש סיון

**שאלה: דאס יאר וואס ערב ראש חודש סיון געפאלט אום שבת, צי מען קען זאגן די תפלת השל"ה, ווייל עס זענען דא תפלות וואס מען טאר נישט זאגן שבת על פי הלכה.**

**תשובה:** עס זענען דא וואס האלטן, אז לויט ווי עס זעהט אויס אין של"ה איז דער ענין פון זאגן די תפלה פארבינדן מיט פאסטן, אזוי ווי ער שרייבט דארט מיט דעם לשון "וראוי לישב בתענית ביום ההוא, הוא ואשתו, ויתעוררו בתשובה ויתקנו על עניני הבית איסור והיתר וכו' ויתנו צדקה לעניים הגונים וכו'", לויט דעם קומט אויס אז אין אזא יאר וואס ערב ראש חודש קומט אויס שבת, וואס מען קען נישט פאסטן, דארף מען מקדים זיין צו זאגן די תפלת השל"ה דאנערשטאג, וואס דעמאלטס איז די זמן וואס מען קען פאסטן, און געבן צדקה.

עס ווערט געברענגט אז מען האט געפרעגט הרה"ק מתולדות אהרן זצ"ל, ווען זאל מען זאגן די תפלת השל"ה, ווען ערב ראש חודש סיון געפאלט שבת, האט ער געענטפערט, מען זאל עס זאגן פרייטאג, מען האט ווייטער געפרעגט, אויב מען האט נישט געזאגט פרייטאג, האט ער געענטפערט מען זאל עס זאגן זונטאג (זכור לאברהם ח"ג עמוד עד"ר).

דער בעל שבט הלוי זצ"ל האט געהאלטן, אז לכתחלה זאל מען עס זאגן ערב שבת, און ווער עס האט נישט געזאגט, קען דאס זאגן שבת.

און עס זענען דא וואס האלטן אז מען קען דאס זאגן שבת, אז וויבאלד דער של"ה הקדוש איז מעיד אז ערב ראש חודש איז דער מסוגל'דיגע טאג מתפלל זיין די תפלה, דעריבער איז דער ענין צו זאגן די תפלה שייך אויף שבת, און כאטש עס זענען דא תפלות ובקשות וואס מען זאגט נישט שבת, פונדעסטוועגן איז דאס נישט גילטיג אויף די תפלות השל"ה, וויבאלד דאס איז א בקשה אויף רוחניות'דיגע זאכן, אזוי ווי מען זאגט שבת ביינאכט ביי די זמירות נאך "שלום עליכם" פארשידענע בקשות, אזוי אויף ביי "ויהא רעוא", און "יקום פורקן", אזוי אויך די תפלה פון ראש חודש בענטשן, און די תפלה וואס מען זאגט נאכן ליינען די נשיא א.א.וו.

מען זאגט נאך אז איינער האט געפרעגט איינעם פון די גדולי ישראל, וויאזוי מעגן פרויען בעטן נאך ליכט צינדן מתפלל זיין אויף גוטע קינדער, זיי האבן דאך שוין מקבל שבת געווען, אין שבת בעט מען נישט קיין בקשות, האט ער געענטפערט וויבאלד עס איז דעמאלטס א עת רצון, איז "אם לא עכשיו אימתי" (עיין מחצית השקל או"ח סימן תקכ"ג סוס"ק ג').

דאס זעלבע קען מען זאגן אויף די תפלת השל"ה, וויבאלד דער של"ה שרייבט אז דעמאלטס איז א עת רצון צו זאגן די תפלה, איז "אם לא עכשיו אימתי".

**באמערקונג**

עס זענען דא וואס זיי זענען מייעץ פאר פרויען, אז זיי זאלן דאס זאגן גלייך נאך ליכט צינדן, וואס דעמאלטס איז דער מנהג אז מען בעט זיך אויס גוטע קינדער, און די זמן איז דירעקט מסוגל דערצו, און מיט דעם וועלן זיי האבן צוויי רווחים, 1. ווייל נאך ליכט צינדן איז א צייט וואס איז מסוגל אויס צו בעטן גוטע קינדער, און די תפלה פון של"ה איז דאך דירעקט מסוגל אוי צו בעטן גוטע קינדער, איז עס דעמאלטס א דבר בעתו צו זאגו די תפלה. 2. אויך וועלן זיי ארויס גיין פון די שאלה צי מען מעג בעטן אויף גוטע קינדער שבת, ווייל דאס איז א מנהג הקדמונים אז נאך צינדן בעטן זיי פאר גוטע קינדער.

למעשה איז אנגענומען די מנהג אז מען זאגט דאס אין שבת, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל פוילן אלעס גוטס.

## די חשיבות פון תפלת השל"ה

דער הייליגער של"ה שרייבט: מיין הארץ זאגט מיר אז ערב ראש חודש סיון, איז א עת רצון מתפלל צו זיין פאר ערליכע גערעטענע קינדער, ווייל אין דעם חודש האבן מיר מקבל געווען די הייליגע תורה, און עס איז שטארק מסוגל אויס צו בעטן ערליכע אידישע קינדער מיט פול נחת, וואס וועלן גיין און די הערליכע וועג, און זוכה זיין זיי מגדל צו זיין צו תורה און מעשים טובים, און צו זיווגים הגונים (של"ה עניני תפלה פרק נר מצוה).

הרה"ק רבי טאלנער זצ"ל האט געזאגט: אז ער דערקענט אויף די קינדער, וואס זייערע עלטערן האבן מתפלל געווען אויף זיי די "תפלת השל"ה".

## שבת פרשת במדבר

עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך (סימן תכ"ח ס"ז) אז יעדעס יאר ליינט מען אין די תורה שבת פאר שבועות "פרשת במדבר", און דער סימן איז "מנו ועצרו", דאס מיינט "מנו" מען ליינט די פרשה פון במדבר וואס אין די פרשה האט מען געציילט די אידישע קינדער, און נאכדעם "עצרו" זאל זיין דער יום עצרת וואס דאס איז שבועות.

די גמרא (מגילה דף ל"א ע"ב) זאגט, עזרא האט מתקן געווען אז מען זאל ליינען די תוכחה פון פרשת בחוקותי פאר שבועות, און די תוכחה פון פרשת כי תבוא פאר ראש השנה, ווייל שבועות און ראש השנה זענען א אנהייב יאר, ראש השנה איז אנהייב יאר דן צו זיין די מענטשן, און שבועות איז ראש השנה וואס מען איז דן אין הימל די פירות פון דיביימער, דעריבער כדי די קללות פונעם יאר זאלן זיך ענדיגן און נעמען א עק, ליינט מען ביי די צוויי פרשיות די קללות פון די תוכחה, אז עס זאל זיין "תכלה שנה וקללותה" און תחל שנה וברכותיה, אז פון יעצט אין ווייטער וועט קומען נאר ברכות און כל טוב סלה.

תוספות לייגט צו אז וועגן דעם ליינט מען שבת פאר שבועות פרשת במדבר, כדי די תוכחה זאל נישט זיין ממש נאנט צו שבועות, און עס זאל זיין א הפסק.

מיר שטייען יעצט אין "פרשת במדבר", א וואך נאך די תוכחה, און מיר האפן צום הייליגן באשעפער אז עס איז מקוים געווארן דער תכלה שנה וקללותיה, די שרעקליכע קללות וואס מיר זענען לעצטנס

דורך געגאנגען האט גענומען אן עק, און מיר גייען יעצט אריין צו א נייע יאר צום הייליגן יום טוב שבועות, און פון יעצט און ווייטער וועט זיין "תחל שנה וברכותיה".

## סדר התפלה בשבת

## ראש חודש בענטשן

דעם שבת בענטשט מען ראש חודש סיון. ראש חודש געפאלט זונטאג.

דער מולד פון חודש סיון איז שוין געוועזן נעכטן פרייטאג צופרי 11 א זייגער, 42 מינוט און 13 חלקים.

## הפטורה

מען זאגט די הפטורה פון מחר חודש (שו"ע סימן תכ"ה ס"ב).

## אב הרחמים

פאר מוסף זאגט מען "אב הרחמים", אפילו עס איז שבת מברכין, וויבאלד עס איז אינמיטן די ימי הספירה (נימוקי אורח חיים).

## צדקתך

דעם שבת זאגט מען נישט צדקתך ביי מנחה, ווייל עס איז ערב ראש חודש.

## שלש סעודות

## זאגן יעלה ויבוא ביים בענטשן

עס איז א מחלוקת הפוסקים ווען ראש חודש געפאלט מוצאי שבת, אויב מען זאגט ביים בענטשן פון שלש סעודות, רצה אדער יעלה ויבא, צי מען גייט לויט די התחלת הסעודה און מען זאגט רצה, אדער גייט מען לויט די סיום הסעודה, און מען זאגט יעלה ויבוא, אדער זאגט מען ביידע.

עס זענען דא וואס פירן זיך אז נאכן זמן פון צאת הכוכבים עסן זיי בכלל נישט, און זיי זאגן נאר רצה (ילקוט מהרי"א מזידטשוב אות ע"ח).

רבינו הקדוש זי"ע האט זיך




בעזרת השם יתברך

ש

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון ▪ וקול שמחה ▪ קול חתן ▪ וקול כלה

בלב מלא שמחה וברוב שבח והודאה להשי"ת
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
אליהו נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
פיגא תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לס' "כה תברכו את בני ישראל" (נשא א' - שבועות)
אור ליום ד' סיון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
ולמספרם May 19

**קבלת פנים בשעה 8:15 והחופה בשעה 9:15**

באולם בית רחל פאראדייס
5 Israel Zupnick Dr. Monroe, NY 10950

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבינו גם אנו
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
מאיר משה שפיטצער ובו"ב
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
יואל בערגער ובו"ב
קרית יואל יצ"ו

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

ארייינצולייגן אייער הזמנה ביטע רופט אריין צום מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן 840

געפירט, אז ער האט דוקא מקפיד געווען צו עסן א גאנצע כזית נאכן צאת הכוכבים, און ער האט געזאגט סיי רצה און סיי יעלה ויבוא, (שלחן הטהור סימן קפ"ח סט"ז).

## מעריב מוצאי שבת

### ויהי נועם

דעם מוצאי שבת זאגט מען נישט ויהי נועם, וויבאלד אינמיטן די וואך איז יום טוב.

## פון ראש חודש סיון ביז שבועות

### ראש חודש - זונטאג

ראש חודש סיון קען נישט אויסקומען נאר אין די טעג א' ב' ד' ו', זונטאג, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

אין ספר מועד לכל חי (סימן ח' ס"ק ל"ה) שרייבט א דאס איז מרומז, אין פסוק "אבדו" גוים מארצו, אז אין דעם חודש איז געגעבן געווארן די תורה, און די גוים האבן פארלוירן, ווייל זיי האבן נישט געוואלט מקבל זיין די תורה.

## דאס לערנען

### לערנען די הלכות החג

פון ראש חודש ביז שבועות, דארף מען עוסק זיין אין הלכות פון שבועות (מ"ב סימן תכ"ט ס"ק א').

### לערנען דאפעלט

די ספרים הקדושים שרייבן אז פון ראש חודש סיון אין ווייטער דארף מען זיך גרייטן צו קבלת התורה, און מוסיף זיין בהתמדת לימוד התורה.

רבינו הקדוש זי"ע שרייבט אין עבודת עבודה אז וועגן דעם איז דער מזל פון חודש סיון "תאומים", מרמז צו זיין אז מען דארף לערנען דאפעלט, און מרבה זיין בעסק התורה, און דעמאלטס וועט מען זוכה זיין מרגיש צו זיין די קדושת התורה.

## אמירת תחנון

פון ראש חודש סיון ביז נאך שבועות זאגט מען נישט קיין תחנון, און נישט "יהי רצון" נאך קריאת התורה.

מאנטיג און דאנערשטיג זאגט מען פארן ארויס נעמען די ספר תורה "אל ארך אפים" (מ"ב סימן תצ"ד ס"ק ח').

## למנצח יענך ה'

אונזער מנהג איז אז מען זאגט "למנצח מזמור לדוד יענך ה' ביום צרה" אפילו ערב שבועות (ליקוטי מהרי"ח).

## תפלה לדוד

פון ראש חודש ביז שבועות זאגט מען נישט "תפלה לדוד" נאר מען הייבט אן "בית יעקב" (שלחן הטהור סימן קל"א סכ"ו).

## ב' סיון - מאנטאג

### יום המיוחס

ב' סיון ווערט אנגערופן "יום המיוחס", ווייל אין דעם טאג האט דער אייבערשטער געזאגט פאר כלל ישראל "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", און ער האט אונז דעמאלטס אויסדערוועלט פאר זיין פאלק, און מיר זענען געווארן מיוחסים.

דער הייליגער רוזשינער זי"ע איז מסביר וואס איז דער יחוס פון דעם טאג "ב' סיון", ווייל אין דעם זעלבן טאג אין די וואך, געפאלט יום כיפור.

נאך איז ער מסביר ווייל דער טאג איז ארום גענומען פון אלע זייטן מיט הייליגע טעג, פאר דעם איז ראש חודש, און נאכדעם איז שלשת ימי הגבלה און שבועות, און ער ערקלערט דאס מיט א משל:

א קעניג האט געדינגען פיר ספעציעלע מומחים וואס קענען שיין מאלן, אז יעדער זאל מאלן א שיינע בילד אויף איין וואנט פון זיי נייע פאלאץ, דריי פון זיי האבן טאקע געמאלן א הערליכע בילד, און דער פערדער אנשטאט מאלן א בילד, האט ער אריינגעבויט אין וואנט גאר א טייערע און א שיינע שפיגל, וואס דארט האבן זיך אפגעשפיגלט די אנדערע דריי שיינע ווענט, אזוי ארום איז זיין וואנט געווען פול שענער פון זייערע ווענט, און יעדער האט דאס באוואונדערט, אזוי איז דער יום המיוחס, ער האט טאקע נישט קיין ספעציעלע יחוס בפני עצמו, אבער ער נעמט אריין אין זיך די שיינקייט פון אלע טעג וואס זענען ארום אים (עירין קדישין עמוד כ"ד).

## שלשת ימי הגבלה - דינסטאג

### שערן אין שלשת ימי הגבלה

מעיקר הדין מעג מען זיך שערן די האר אין די שלשה ימי הגבלה, אבער עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן אר"י ז"ל, אז מען זאל זיך שערן נאר ערב השבועות, און אזוי פירן חסידים ואנשי מעשה.

פרויען אין קינדער קענען זיך שערן אין די שלשת ימי הגבלה אפילו לויטן אר"י ז"ל.

### באנייען נייע קליידער

על פי אר"י דארף מען מחמיר נישט צו באנייען קיין נייע בגדים ביז ערב שבועות, מען קען שוין אן טון נייע זאכן ערב שבועות נאכמיטאג, ווען מען טוט זיך שוין אן לכבוד יום טוב, און מען דארף נישט ווארטן ביז צום זמן.

### הערן מוזיק

אזוי אויך זאל מען נישט הערן מוזיק לויטן אר"י הקדוש, ביז ערב שבועות.

באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי ישראל צבי מקאסאן בעמח"ס "אור מלא" זי"ע

*דעם קומענדיגן דינסטאג נשא | ג' סיון | הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן "אור מלא" פון קאסאן. הרה"ק רבי ישראל צבי בן הרה"ק רבי יהוסף מקאסאן זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער אור מלא פון קאסאן זי"ע, איז געבוירן צו זיין הייליגע פאטער דער בני שלשים פון קאסאן זי"ע, אום י"ג תשרי שנת תר"ג לפ"ק, אין שטאט ניר מאדע.

ווען ער איז אריינגעקומען בבריתו של אברהם אבינו האט מען אים א נאמען געגעבן "צבי" נאך זיין הייליגער זיידע דער הייליגער עטרת צבי פון זידיטשוב זי"ע. ביי די פינעף יאר איז ער ל"ע קראנק געווארן, האט מען געשיקט א טעלעגראַם צום זיידן דער הייליגע רבי אליעזר'ל מ'קאמארנא זי"ע מזכיר זיין דעם אינגן צבי ער זאל געזונט ווערן. האט דער זיידע צוריק געענטפערט: "צבי איז צו א הויכע נאמען, גיבט אים צו א אנדערע נאמען". דאן האט מען אים צוגעגעבן דעם נאמען "ישראל", און איז דערנאך געזונט געווארן.

אין יאר תר"פ, נאכן פטירה פון זיין ברידער, הרה"ק רבי חיים שלמה זי"ע איז ער פאַרבעטן געווארן דורך די חסידים צו ממשיך זיין בהנהגת העדה אין שטאט קאסאן, און אויפן באפעל פון הרה"ק רבי ישכר דוב מ'בעלזא זי"ע האט ער דאס אנגענומען, און איז געקרוינט געווארן צו דינען ברבנות ובאדמו"ת אין שטאט קאסאן זייענדיג אינעם יונגן עלטער פון דרייסיג יאר.

אין שטאט קאסאן האט דער אור מלא אויפגעשטעלט דעם באַרימטן ישיבה "עטרת ישראל", ווי ער זעלבסט איז געשטאַנען בראש, און מדריך געווען די בחורים בתורה ובעבודה, מיט זיין אויסער געוועונטליכן ליבשאַפט צו די בחורים, און אויפגעשטעלט פילע הייליגע תלמידים.

דער אור מלא איז געווען א גאון הגאונים, א בקי בנגלה ובנסתר, און האט שטענדיג געלערנט אומאויפהערליך. אַלע גדולי הדור האבן אויסגעלויבט דעם אור מלא מיט זיין העכערע עבודה לאָבינו שבשמים.

דער אור מלא פלעגט זיין דבוק רוב שעה'ן פון טאָג אין מייחד זיין יחודים וכַוונות האריז"ל, ווי עס איז געווען קענטיג אויף אים ווי ער דרייט זיך אין די העכערע וועלטן.

זיין דאווענען איז געווען מיט א מורא'דיגע

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

*זכר צדיקים לברכה*

| | | |
|---|---|---|
| כ"ט אייר | הרה"ק רבי מאיר בן רבי אהרן ארי' לייב זי"ע - מ'פרעמישלאן | תר"ן |
| א' סיון | הגה"צ רבי יוסף מאיר בן רבי שם טוב זצ"ל מאיער - אדמו"ר מ'ליזענסק | תשפ"ב |
| ב' סיון | הגה"צ רבי אשר זצ"ל הי"ד בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך זי"ע - אב"ד קאלוב<br>עם ה' ילדים - וב"ב מרת שרה רחל בת הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער הי"ד | תש"ד |
| ג' סיון | הרה"ק רבי ישראל צבי בן רבי יהוסף הלוי זי"ע - מ'קאסאן - אור מלא | תש"ד |
| ו' סיון | רבינו אור שבעת הימים מרן ישראל בן רבי אליעזר זי"ע - בעל שם טוב הק' | תק"כ |

*זכר חסידים לברכה*

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ט אייר | הרב החסיד ר' חיים נחמן בן ר' אברהם שלמה ע"ה קאבאלסקי | תשפ"א | בארץ ישראל |
| ג' סיון | הרבנית הצדיקת עלא ז"ל בת הרה"ק רבי צבי אביגדור פיש זצ"ל הי"ד<br>אש"ח הרה"ק רבי יעקב פעקעטע זצ"ל - זקינתו של רביה"ק זי"ע | תש"ד | בשנות הזעם |
| ג' סיון | הרבנית הצדיקת צירל ז"ל בת הרה"ק רבי יעקב פעקעטע זצ"ל הי"ד<br>אש"ח הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זי"ע - אמו של רביה"ק זי"ע | תש"ד | בשנות הזעם |
| ג' סיון | האשה החשובה מרת עלקא בת ר' זיסל ע"ה פיליפסון<br>אשת הרה"ח ר' שלמה ע"ה | תשע"ה | הר הזיתים בירושלים עיה"ק |

השתפכות הנפש און מיט א געוואַלדיגע התלהבות און פלאקער, און האט פארשאַפט א התעוררות פאר אלע ארום.

ווען דער אור מלא פלעגט משמיע זיין מדברי אלוקים חיים, פלעגן די ווערטער ארויסקומען מיט אַזאַ ווארימקייט מתוך לבו הטהור, אז עס האט אריינגעברענגט אַ התעוררות אין אלע וועלכע האבן עס געהערט, און ער האט אויסגערייניגט אלע נשמות בשעת דעם, און זיי צוריקגעקערט לשורשם.

*

אין די תקופה פון די צווייטע וועלט קריג, ווען אין אַלגעמיין האט מען פרובירט צו אנטלויפן און זיכן שוץ, איז דער אור מלא געבליבן ביי זיך אין שטעטל, און ווייטער געפירט זיין עדה קדושה, אין אום פסח תש"ד האט מען געפירט דעם גאנצן שטעטל קיין בערגסאַז.

אום ג' סיון איז דער אור מלא געהרג'ט געווארן על קידוש ה', אינאיינעם מיט זיין רעבעצין, די טאכטער פונעם הייליגן רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע השם ינקום דמם.

זיינע דברי תורה זענען צוזאַמגענומען געווארן אינעם ספר "אור מלא", על התורה ומועדים.

## מ'האט געקענט מיינען אז ער לייגט איין דאס בענקל

דער הייליגער אור מלא איז געווען א איידעם בזיווג שלישי ביים הייליגן רבי שלום אליעזר'ל מ'ראצפערט זי"ע.

ווי באקאנט איז די עבודה ביים הייליגן אור מלא צוגעגאַנגען מיט א געוואַלדיגע התלהבות, מיט א שטיק פייער, אבער ווען דער אור מלא איז געווען ביי זיין שווער האט ער זיך פרובירט איינצוהאלטן און גארנישט ספעציעל ארויסגעוויזן פון זיינע הויכע מדריגות.

איין יאר סוכות ווען דער אור מלא איז געווען ביי זיין שווער, האט אים זיין שווער רבי שלום אליעזר'ל מכבד געווען ביי איינע פון די סעודות יום טוב צו פָארזינגען דעם זמר פון "על ישראל אמונתו". בשעת'ן פָארזינגען האט ער זיך איינגעהאַלטן, אבער קומענדיג צו די ווערטער "על ישראל שכינתו", איז דער אור מלא אויפגעשפרינגען פון זיין פלאץ, "ער האט געגעבן אזא שפרינג, אז מען האט געקענט מיינען אז ער לייגט איין דאָס בענקל, פון גרויס התלהבות ודביקות מיט וואס ער האט געזאגט די ווערטער"...

## מיין איידעם'ס עבודה

דער הייליגער רבי שלום אליעזר'ל זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט איבער די גרויסע עַבודה פונעם אור מלא, זאָגענדיג: "מיין איידעם דער קאָסאָנער רב טוט די עבודה אַזוויי מיין ברידער דער שינאָווער רב זי"ע".

*

רביה"ק זי"ע האט נאך געקענט דעם הייליגן אור מלא. און אין עבודת עבודה שילדערט רביה"ק זי"ע אז ער איז עטליכע מאל געווען בצילו פונעם אור מלא, און ער האט אויסטערליש שטאַרק הנאה געהאט מאורו הבהיר.

אזוי אויך פאַרציילט רביה"ק זי"ע אז דער אור מלא האט זיך אַמאל באטייליגט אין טאָהש ביים סעודת הילולא וואס רבינו הסבא קדישא זי"ע האט אפגעראָכטן ביומדל"ק פון רבינו השרף זי"ע.

אַ אינטערעסאַנטע פונקט מערקט רביה"ק זי"ע צו, אז די שטימע פונעם סבא קדישא האט שטארק געענדעלט אינעם שטימע פונעם אור מלא.

איינע פון די חסידים פונעם אור מלא, האט שטענדיג אויסגערעכנט צו זיין אין טאהש ווען דער סבא קדישא פלעגט דאַווענען פאַרן עמוד, כדי ער זאל קענען הנאה האָבן פונעם אויסער געוויינטליכן נעימות'דיג שטימע פונעם סבא קדישא, וועלכע האט זיך געהערט ווי דער אור מלא דאווענט.

*

## מדברי תורתו

"קדש לי" - אם יש את נפשך להתקדש לי, "כל בכור" אזי מוטל עליך לבכר ולהחשיב כל אחד ואחד.

"פטר כל" - ראשית הכל, "רחם בבני ישראל" - תחמול ותרחם על כל אחד ואחד מבני ישראל.

"באדם ובהמה" - אם הוא בבחינת "אדם" או שהוא בבחינת "בהמה", "לי הוא" אומר הקב"ה - זאת הנח לי, ואין זה העסק שלך.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן






# מאור התורה
ציצים ופרחים על עניני הפרשה

**איש על דגלו.**

עס ווערט געברענגט א טעם בשם דער הייליגער חידושי הרי"ם פארוואס מען ליינט געווענליך פרשת במדבר פאר שבועות, ווייל עס שטייט אין די פרשה 'איש על דגלו באותות וגו'' וואס דאס מיינט אז א יעדע איד זאל זיין אויף זיין מקום הראוי לו, וואס דאס איז דער עבודה פון שלושת ימי הגבלה.

*

הרה"ק ר' צבי הירש הלוי מ'טשארטקוב זי"ע האט איינמאל די צווייטע נאכט פסח צוערופן זיינע צוויי קליינע אינגלעך, וואס זענען שפעטער אויסגעוואקסן צו זיין הרה"ק ר' שמואל שמעלקא מ'ניקלשבורג זי"ע און הרה"ק ר' פנחס הלוי בעל הפלאה זי"ע, און ער האט זיי געפרעגט, וועלכע מסכת אין ש"ס זיי גרייטן זיך צו לערנען אין די ימי הספירה, האט איינער פון זיי געענטפערט, אז ער פלאנט צו לערנען מסכת שבועות כדי צו ענדיגן די גאנצע מסכת אויף יו"ט שבועות, האט אים זיין טאטע ר' צבי הירש מסביר געווען אז מסכת שבועות האט נישט קיין שייכות מיט די יו"ט שבועות, נאר מען רעדט דארט פון שבועות הדיינין, האט זיין זון געענטפערט, אז ער ווייסט פון וואס מסכת שבועות רעדט זיך, און טאקע וועגן דעם וויל ער לערנען די מסכת, ווייל שבועות איז קבלת התורה, און זייט די ערשטע יו"ט שבועות, זענען אונז אלע נשבעים ועומדים מהר סיני צו מקיים זיין די תורה הק', דעריבער וויל ער לערנען מסכת שבועות, כדי צו וויסן ווי הארב א שבועה איז.

*

הרה"ק ר' יצחק אייזיק מ'זידיטשוב זי"ע האט געהאט א גרויסע עבודת התפלה, אבער נאכמער איז זיין עבודת התפלה געשטיגן אין די הייליגע יו"ט שבועות וואס דעמאלטס איז די דאווענען צוגעגאנגען מיט אן עקסטערע פחד ואימה, און נאכמער בשעת'ן ליינען די פסוקים פון עשרת הדברות, דעמאלטס האט יעדער געשפירט ווי מען שטייט ממש ביים הר סיני, און מען גייט יעצט מקבל זיין די תורה.

אין יאר איינמיטן ליינען, האט זיך רבי אייזיק'ל גאר שטארק צופייערט, און איינע פון זיינע תלמידים האבן פארלוירן די זעה קראפט ביז נאכ'ן דאווענען, ווען מען האט דערציילט פאר רבי אייזיק'ל וואס עס איז געשען מיט די תלמיד, האט ער געזאגט, אז די תלמיד האט זיך זייער שטארק מקשר געווען צו מיר בשעת'ן ליינען, און איך בין דורך געגאנגען די חושך ענן וערפל ביים הר סיני, וועגן דעם זענען זיינע אויגן שוואך געווארן.

*

איינמאל איז אנגעקומען א איד קיין בעלזא אויף שבועות צום הייליג'ן שר שלום פון בעלזא זי"ע. די איד איז נישט געווען קיין חסיד, און ווען עס איז געקומען שבועות ביינאכט - די צייט וואס מען גרייט זיך צו זאגן תיקון ליל שבועות - האט דער איד געזען ווי דער הייליגער שר שלום קומט אריין אין בית המדרש און הייבט אן פירן טיש, דער איד האט זיך זייער געוואונדערט וואס איז פשט דערפון, בשעת אין די גאנצע וועלט פירט מען זיך צו זאגן תיקון ליל שבועות, פירט בעלזא רב טיש, און מען זאגט בכלל נישט די תיקון.

דער הייליגע בעלזא רב האט מרגיש געווען זיין מחשבה און ער האט זיך אנגערופן, 'עס איז דא דא אידן וואס פארשטייען נישט פארוואס שבועות ביינאכט פירן אונז טיש און אונז זאגן נישט די תיקון ליל שבועות, אבער זאלט עטס וויסן, אז מיין פירן טיש איז אזוי ווי תיקון ליל שבועות, און מען זעהט אז די נוטריקון פון ת'יקון ל'יל ש'בועות איז די זעלבע נוטריקון ווי ת'ערוך ל'פני ש'ולחן'.

בס"ד
היימאן'ס באסעס
באסעס
וועלן פארן אי"ה
אויף יו"ט שבועות
קיין קרית טאהש
מיטוואך נאכט
בארא פארק 9:30 - וויליאמסבורג 10:30
מאנסי 12:00 - קרית יואל 12:30
און צוריק פון קרית טאהש
מוצאי יו"ט 11:30
פרייז US $110 איין וועג
רופט פאר רעזערוואציע:
718-387-2114
514-271-6627

KT DELI
סעודת שבת ויו"ט
חשובע געסטע
קומט איר אויף שבועות קיין טאהש
איר קענט באשטעלן אלע
מאכלי שבת ויו"ט ביי
KT DELI
רופט אריין ביז קומענדיגער
מאנטאג ב' סיון 2:00PM אויף
450-430-3091 Ext #100
אדער שיקט צו
deli@ktsupermarket.com

# אהלי מלכים

**פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים**
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

די פרשיות פון די של יד און של ראש דארפן ווערן געשריבן אין א סדר, קודם די פרשה וואס שטייט פריער אין די תורה, אז נישט איז עס פסול [1].

די פרשיות של יד ווערן געשריבן אויף איין קלף, יעדע פרשה באזונדער. די פרשיות של ראש שרייבט מען יעדע פרשה אויף א באזונדערע קלף [2].

די בית פון תפילין של יד האט איין גרויסע הוילקייט אינעווייניג, און אין דעם ליגט די קלף אויף וואס ס'זענען געשריבן אלע פיר פרשיות. אין די בית פונעם של ראש האט 4 באזונדערע הוילקייטן, ווי שטיבלעך, און אין יעדע שטיבעלע ליגט א אנדערע פרשה.

די סדר וויאזוי די פרשיות ליגן אין די בתים איז דא א מחלוקה צווישן רש"י און ר"ת, לויט רש"י: גייט עס אין די סדר פון א. קדש לי כל בכור וכו', ב. והי' כי יביאך, ג. שמע ישראל ביז ובשעריך, ד. והי' אם שמוע ביז כימי השמים על הארץ (די פרשיות רופט מען אין קורצן: קדש, והי' כי יביאך, שמע, והי' אם שמוע) [3].
לויטן רבינו תם גייט דאס אזוי: קדש, והי' כי יביאך, והי' אם שמוע , שמע. דאס הייסט די מחלוקה איז וואס קומט פארדעם שמע אדער והי' אם שמוע. מיר נעמען אן מעיקר הלכה ווי רש"י.

א ירא שמים איז יוצא ידי שניהם, אז מ'לייגט תפילין של רש"י מיט א ברכה, וואס דאס איז אויפן מענטש ביי קרי"ש און שמו"ע, און שפעטער לייגט מען תפילין דר"ת אן קיין ברכה (ווי אויבן דערמאנט) [4].

## די קשר פון די תפילין

די קשר פון די תפילין של יד מאכט מען אין א צורה פון א יו"ד, די קשר פון די תפילין של ראש מאכט מען ווי א צורה פון א דלי"ת [5], כדי צו משלים זיין די אותיות שם שק"י צוזאמען מיט די צורת שי"ן, וואס איז דא אויפן בית פון תפילין של ראש [6].

ס'דא וואס מאכן א צורה פון א דלי"ת (ס'ווערט אויך אנגערופן 'קשר דל"ת ממש' אדער 'קשר ספרד' אדער 'קשר יו"ד') [7]. און אזוי איז אונזער מנהג.

ס'דא וואס מאכן די קשר אופן ראש אזוי ווי א ענדע מ"ם [8] (דאס מיינט אז די רצועות וואס קומען ארויס פונעם קשר זעען אויס ווי א דלי"ת, אדער צוויי דלית"ן אן קיין חלל [9]), און אזוי פירט זיך רוב וועלט [10] (דאס ווערט אויך אנגערופן קשר בצורת מרובע, אדער קשר הפשוט, אדער קשר אשכנז (יעקע).

ס'דא וואס מאכן א ענדע מ"ם וואס זעהט אויס ווי צוויי דלתי"ן מיט א חלל אינדערמיט (ס'ווערט אויך אנגערופן 'קשר המקובלים') [11].

די קשר פון די תפילין איז הלכה למשה מסיני, און מ'דארף דאס מאכן לשמה, און נישט דורך א קטן. און אזוי אויך דארף דאס ווערן פארראכטן לויט די קאפ פונעם מענטש דורך א גדול [12].

לכתחילה דארף מאכן די קשרים אין א סדר פון די שם שק"י, דאס הייסט אז די קשר פון די תפילין של ראש, זאל מען מאכן נאכן שי"ן אויפן תפילין של ראש, און דערנאך די דלי"ת פון די קשר של ראש, און דערנאך די יוד פון די קשר של יד, אבער דאס איז נישט לעיכובא [13].

מ'מעג מאכן די קשר פון די תפילין, די דלי"ת און די יו"ד ביינאכט, כאטש מ'לייגט נישט די תפילין ביינאכט [14], לכן מעג מען אויך פארעכטן די קשר ביינאכט.

## הלכות וואס זענען שייך פארן טאטן

א טאטע איז מחוייב צו קויפן תפילין פאר זיין זון. ס'זענען דא וואס האלטן אז ווען מ'קויפט די תפילין פאר די בר מצוה אז ס'זאל זיין גרייט צו די בר מצוה, איז מען מקיים מצוות חינוך [15].

---

1 שו"ע (סי' לב ס"א) ומ"ב (ס"ק ב ה ו).

2 (שם).

3 שו"ע (סי' לד ס"א).

4 שו"ע (סי' לד ס"ב).

5 שו"ע (סי' כז ס"י)

6 שו"ע (סי' לב סנ"ב) 'ויעשה קשר כמין דלי"ת בשל ראש וכמין יו"ד בשל יד להשלים אותיות שק"י עם השי"ן שבשל ראש'.

7 אות חיים ושלום (סי' לב סקכ"ה): 'ומנהגי מאבותי הק' לעשות קשר כתמונת ד' דהיינו שהקשר בעצמו הוא תמונת ד', ובהמשך מתמה על מנהג העולם, ובאמצע דבריו כותב שחלק מתפילין של אביו (שהניח אביו בשעת התפילה) יש להם קשר פשוט, והוא (המנח"א) מניח אותם בקשרם (בבוקר בעת קר"ש) ואינו משנה, וששמע מכמה גדולים ובתוכם הרה"ק משינאווא שהי' להם קשר פשוט. וכן נוהגין קהילות הספרדים בני עדות המזרח, וקהילות יוצאי ליטא בני הישיבות. וכן נהג רביה"ק זי"ע (הליכות הלוי עמ' קיב).

8 כתב בא"ר (סקי"ב) ששתי הרצועות היוצאות מתחת הקשר הוא כדלהלן, הרצועה היוצאת מצד שמאל של האדם המניח נמשכת לרחבו כגג הדלי"ת, ואותה היוצאת לצד ימין נמשכת באורך למטה כמו הרגל של הדלי"ת, אשל אברהם, ועי' בספר פרי אליעזר (שו"ת ח"א קונטרס מיוחד) באריכות גדולה שקשר מרובע הוא הקשר המקובל, וכוונת קשר של דלי"ת, היינו מה שהרצועה יוצא מהקשר כצורת דלי"ת. אכן המ"ב (סי' לב ס"ק רלג) מפרש שהקשר יהי' צורת דלי"ת, ושיש נוהגין צורת באופן רגלו של זה בצד ראשו של זה. ועי' ליקוטי מהרי"ח (עמ' יז) 'יש עושין קשר בענין שהדלי"ת נראה משני צדדין היינו גם מבפנים וכו' (מובא במ"א סקס"ט ושולל את זה כמבואר במחצה"ש וזהו עוד מין קשר), ויש עושין קשר שני דלתי"ן כמו מ"ם סתומה' .

9 כן יש שפירשו שהוא שני דלתי"ן בלי חלל באמצע הקשר.

10 בי"ג אורות (מערכת צאנז דף קח ובדף קנ בהערה) כתבו שהקשר של רבינו מצאנז הי' עשוי כצורת מ"ם סתומה (והכוונה שיש חלל באמצע), ושל רבינו משינאווא הי' קשר פשוט (והכוונה מ"ם סתומה בלי חלל כי כן כתב באות חיים ושלום מובא להלן), וכן נהג הגה"ק מקאלאשיץ ורוב נכדי צאנז, זולת נכדי הגה"ק מגארליץ עשוי קשר כרבינו מצאנז. ובפרי אליעזר מביא שכן הוא מנהג באבוב, באיאן, ביאלא, בעלזא (הדרת קודש בשמו), דושינסקיא, ויזשניץ, טעשרנאביל, ראחמסטריווקא, סקווירא, מחנובקא, לעלוב, מונקאטש, סאטמאר, סלונים, קארלין, וכן יוצאי תימן.
ועי' במ"ב (סי' כז סקל"ז) שכתב למה נחשב לדלי"ת כי הרצועה אחד יורד ורצועה אחד הולך כגג הדלי"ת וביחד נראה הרצועה היוצא כדלי"ת וכהסבר האליה רבה, ומשמיט האופן של קשר דלי"ת ממש, והמ"ב מציין בסוף הס"ק לעי' סי' לב ס"ק רלב מש"כ שם, ושם משמע שכותב להיפך וז"ל ויש שעושין קשר כמ"ם סתומה שנראה כשני דלתי"ן משני צדדיו, רגלו של זה בצד ראשו של זה, ועין בספר תפארת אריה שהביא בשם תשובה מאהבה והסכים עמו לדינא דאלו העושים קשר של דלי"ת מכוון יותר לדינא', אכן בפרי אליעזר (בסופו עמ' מח) מבאר שמעיון בתפארת אריה מוכח שכוונת המ"ב לחזק הקשר המרובע ולשלול הקשר של המקובלים שהוא ריבוע גדול עם חלל באמצע (כחלון) וזה כוונת המ"ב 'כמ"ם סתומה' היינו ריבוע עם חלל באמצע ממש כמ"ם סתומה ועשוים כן לקיים דברי הזוהר שצריך ב' דלתי"ן ששם שייך לשון המ"ב 'רגלו של זה בצד ראשו של זה' וסיום דבריו 'קשר של דלי"ת', היינו קשר המרובע שיש בו רק דלי"ת אחת (לאפוקי ב"י דלתי"ן שכתב לעיל) והיינו ברצועות היוצאות וכפי שביאר בסי' כז ושם ציין לעיין בדבריו בסי' לב ולא לומר בהדיא שסותר דבריו, ולא כמו שיש שטעו בדבריו.

11 יש קורין אותו קשר צאנז מפולש, וי"א שקשר זה כבר נהגו בו כמה מתלמידי האר"י הק', וכפי שנראה בדברי מהר"ם לונזאנו בדור תלמידי האריז"ל, (כפי שהובא בספר מצת שימורים ובהגה"ה בעץ חיים, אמנם האריז"ל לא נהג כן אלא בקשר המרובע הפשוט), ומנהג זה התבטל במשך תקופה ארוכה, ובדורות אח"כ חידש את המנהג הגה"ק רבי נתן אדלער זי"ע (ולא ברור אם זה ממש אותו צורה), וי"א שגם תלמידו מרן החת"ס זיע"א נהג כן (שידוע שהיו מנהגים ע"פ קבלה שנהג לעצמו ולפעמים רק בצנעה ע"פ דרך רבו הגה"ק רבן נתן אדלר זי"ע), אמנם תלמידיו וקהילתו לא נהגו כן, אלא בקשר המרובע הפשוט כמנהג כל הונגריה, הן האשכנזים והן החסידים, וגם הרה"ק הדברי חיים מצאנז זיע"א שינה לקשר זה, (פרי אליעזר, שם).

12 מ"ב (סי' לב ס"ק רלב).

13 רמ"א (סי' לב סנ"ב). ומ"ב (סי' לב ס"ק רלה)
ועי' רמב"ם (פ"ג מהל' תפילין הי"ג) שצריך כל ת"ח ללמוד שידע בעצמו עשיית קשר של תפילין.

14 שו"ת פני מבין (ח"א סי' י"ד), דע"ת (סי' י"ח וסי' ל"א ס"ב).

15 שולחן מלכים (סימן י הלכה למשה ס"ק רע"ג) מביא שו"ת קרן לדוד (סי' נז) 'וכמו כן מה שקונה לו תפילין כדי שיהיו מזומנים בידו לכשיגדיל בכלל חינוך הוא אף אם אינו מניחם עדיין דכיון דא"א לחנכו בהנחת תפילין מחויב לחנכו עכ"פ בזה דהיינו לקנות לו תפילין'; ושו"ת בית היוצר (סי' ג) ומביאים ראייה ממה דנקט הגמ' בתפילין אביו 'לוקח' לו תפילין מה דלא נקט כן בלולב וציצית המובא שם בברייתא, ומשמע דבתפילין בעצם לקיחת התפילין מקיים חובתו לחנך בנו לתפילין, ובזה מיישבים תמיהת הפמ"ג (בא"א לז אות ד' 'ועיין הר"ב [שכתב 'וי"א דהאי קטן דוקא שהוא בן יג שנים ויום אחד וכן נהגו ו]סיים 'ואין לשנות'. ואיני יודע, [ד]אם הוא י"ג שנים איזה חיוב [חינוך] יש על אביו, ד[הלא] איש בפני עצמו הוא, ואם הוא עני כל ישראל מצווין להחיותו, ויש לומר [דמיירי ב]י"ג שנים ולא הביא ב' שערות), וכן העיר בגליון רעק"א (שם), אמנם אינו חיוב מדינא למעשה דהא התוספות בערכין (ב: בד"ה אביו) תירצו הערה זו באופן אחר, וכן במרומי שדה (להנצי"ב סוכה מב.).




## מעלת הלימוד באשמורת תלוי בזמן השכיבה

**ד. היה חוזר ואומר שהשכמת הבוקר תלוי לפי הזריזות בזמן השכיבה בלילה [ה], לא רק שלא לבלות את הזמן בבטלה ח"ו, אלא אפילו בעסק התורה לא כדאי להאריך בשעות המאוחרות של הלילה, באופן שיצא שכרו בהפסידו את שעות הלימוד באשמורת הבוקר, שמעלתו עולה ביתר שאת בכמה מעלות מהלימוד בלילה ד). ואפילו יתאמץ גם להשכים בבוקר, הרי מחמת חוסר שינה**

### מעיינות הלוי

ד) כתב בראשית חכמה (בחופת אליהו רבה שער ג), ר' שמעון בן מנסיא אומר על שלשה הקב"ה מכריז בכל יום כו', ועל ת"ח שאינו עוסק בתורה באשמורה האחרונה. עוד כתב (שם שער הקדושה פי"ז אות קב) וז"ל, ומכל מקום אם עסק בתורה ביום והוא שבע ממנה, אין החיוב לו להאריך בתחלת הלילה בעסק התורה באופן שלא יוכל לקום באשמורת וכו', ובתחלת הלילה יעסוק בתורה גם כן כדי שתעלה הנשמה על ידי הבל התורה, אבל לא לשבעה כדי שלא יבטל מלקום באשמורת שהוא עיקר עסק התורה כמו שנאמר קומי רוני בלילה וכו'.

ובכף החיים (סי' א ס"ק כד) הביא בשם היעב"ץ, דטוב לעסוק בתורה שעה אחת קודם אור היום מאשר כמה שעות ביום.

ובנוצר חסד (אבות ו, ב, אהבה י) כתב, וכן לענין שינה לעמוד בחצות או סמוך לו, ולא טוב להיות ניעור בחצי ליל ראשון עד אחר חצות, דבעי בר נש מרחימותא דקוב"ה, למיקם בכל לילה לאשתדלא בפלחניה להתעורר ולקום לעבודת השם, ולמעט השינה כפי כחו וכפי היכולת, אם לא בקיץ בלילות קצרים, טוב להיות ניעור עד סמוך לאור היום וטוב לו בזה, ובצרור החיים חלקו אמן.

ובספר בן איש חי (שנה א וישלח אות א) כתב, אע"פ שכל הלילה הוא זמן השינה, מכל מקום יותר טוב שתהיה השינה בחצי הראשון של הלילה ולא בחצי השני, ויש בזה תועלת הן מצד הגשמיות בבריאות הגוף, והן מצד הרוחניות בתקון הנפש ותיקון העולמות וכו'.

ובספר צמח דוד (ריש הספר, בתולדות מהרה"ק רבי דוד מדינוב זי"ע) מובא שהיה לתלמידיו ויכוח מה עדיף יותר, אם לנוח בלילה כדי שיוכלו לעמוד באור הבוקר ולעסוק בעבודת ה', או אולי מוטב להיות ער כל הלילה ולעבוד את השי"ת.

והוכיח להם מהפסוק 'אם חבל תחבל שלמת רעך' וגו' (שמות כב, כה), דהנה כשנותנים פקדון לחבר, אין הנפקד משגיח עליו די צרכו, ועל כן כשמקבלו בחזרה, אז הבעלים מנקהו על צד היותר טוב, וכן הוא בנשמת האדם יש בנו חלק אלוקי ממעל, הוא הנשמה, שהוא פקדון של השי"ת אצלינו, אבל אין אנו משגיחים עליה כהוגן שתהיה נקיה מכל רבב וסיג, ועל כן צריך האדם לישן בלילה ואז עולה נשמתו אל בעליה הקב"ה, והוא מנקה אותה מכל סיג ופגם

### בארות הלוי

[ה] עלינו להתעורר בענין זה, למלא את הזמן היקר כדבעי, כי הזמן הוא הדבר היקר ביותר שיש לאדם, וצריך האדם לשמרו בשמירה מעולה, ולמלאותו בזריזות יתירה, שלא יפול אף רגע אחד ארצה, ואף יכפיל לפעול בו בכפליים. וכן יש להתעורר בענין עסק התורה בלילות שישים האדם אל לבו לשכב בלילה בזמן, כדי שיוכל לקום בעוד לילה לעסוק בתורה, וכמו שכתוב 'ותקם בעוד לילה ותתן טרף לביתה'53(שיח"ק ח"ב עמ' רמד).

תקבלו עליכם להתמיד מאוד בשבוע זה בלימוד התורה. ועיקר התמדת הלימוד תלוי מתי שהולכים לישון בלילה בזמן הקבוע, שעל ידי זה אפשר לקום בבוקר השכם להתחיל סדר היום כראוי, כידוע פירוש הצדיקים בכתוב (משלי ו, ט) 'עד מתי עצל תשכב מתי תקום משינתך', "עד מתי עצל" עד מתי תתעצל ותבטל זמנך בלילה, "תשכב" לך ושכב, דאם לא כן "מתי תקום משינתך" למחרת, הרי אם תבטל הזמן בלילה, לא תוכל לקום בבוקר בזמן הראוי. לכן תזדרזו מאוד לאכול עתה סעודת מלוה מלכה, ותיכף אחר זה ללכת לישון, כדי להתחיל למחרת שבוע חדש בלימוד התורה בהתמדה גדולה (שיח"ק ח"ב עמ' רנח).

ויותר מכל הנוגע לנו בענין זה, הוא ענין השכיבה בלילה, שצריך האדם לשכב בשעה כזו שיוכל לקום בבוקר השכם לעסוק בתורה באשמורת, כי עיקר היהדות שואב האדם מעסק בתורה באשמורת הבוקר, כי אז הוא עת רצון,

**יחלש כחו ושכלו מלעסוק בתורה ובעבודת ה' כראוי** (ב), **ונמצא קרח מכאן וקרח מכאן** ה).
**ולכן טוב להזדרז לישכב מוקדם ולישון כדי הצורך כדי שיהיה המוח צלול לתורה ועבודת ה'** [ו], **ובפרט שע"פ ספרי קבלה העת רצון הוא דוקא משעת חצות הלילה ואילך.**

## מעיינות הלוי

ומחזירה לבעליה בבוקר נקיה וטהורה, וזהו כוונת הפסוק 'בידך אפקיד רוחי' וגו' (תהלים לא, ו).
ובספר תפארת שלמה (ליקוטים עמ' קכז) איתא, דרכו בקודש זצ"ל היה להזהיר להחבירים המקשיבים לתורתו שעיקר לימודם יהיה דוקא אחר חצות הלילה.
הרה"ק רבי מאיר מפרימישלאן זי"ע אמר (מובא בדברי יחזקאל על תהלים סג, ד עה"פ כי טוב חסדך מחיים) על מה שסמך הרמ"א בסי' א' ובשכבו על משכבו ידע לפני מי הוא שוכב, והסמיכו לדביר השו"ע שכתב יתגבר כארי, אלא ללמדינו בא שאם ילך לישון כסוס יעמוד כסוס, ואם ילך לשכב כארי יקום כארי.
וכדאי לציין משו"ת שבט הלוי (ח"ו סי' א) שהוסיף נופך בזה וז"ל, ובענין אי עדיף הלימוד בחצי הלילה השני באשמורת הבוקר, או בחצי לילה הראשון, הנה כל חז"ל וזוה"ק מלאים משבח משכימי קום, ועיין בחופת אליהו שבסוף סה"ק ראשית חכמה וכו', וידעתי שבשו"ת הרה"ק בעל ערוגת הבושם (או"ח סי' א) מהפך בזכות הת"ח והצדיקים שעיקר עסקם בתורה בחצי לילה הראשון, יע"ש דבריו הק'. ודבריו דברי טעם.
אבל פשיטא לי שבחינוך הדורות ובפרט בישיבות הק', צריך שיהיה דרך החינוך להרגילם להקדים אשמורות, דאם לא יעשו כן, ממה נפשך אם יתפללו ויקראו ק"ש בזמנם, יהיה זה בלי הכנת הנפש ונקיון הגוף, ואיך אפשר לנפש הישראלי לקום מן המטה ישר לבית התפילה בלי הכנה, ואם כן יכינו עצמם יאחרו זמן תפלה וק"ש, וכל סדר היום של ת"ח מבולבל, ואוי לת"ח שחי בלי סדרים, ואין להאריך עוד, עכ"ל.
ה) כתב הט"ז (אהע"ז סי' כב סק"א) וז"ל, כתב הרמב"ם על הפסוק 'בכל דרכיך דעהו' (משלי ג, ו), דהיינו מי שאוכל ושותה ומעדן נפשו כדי שיהיה ברי וחזק לעבודת השי"ת, יש לו שכר כמו שמתענה, ודברים אלו אסמכתא אקרא (תהלים קכז, ב) 'שוא לכם משכימי קום' וכו', דהיינו שיש תלמידי חכמים מנדדין שינה מעיניהם ועוסקים בתורה הרבה, ויש תלמידי חכמים שישינים הרבה כדי שיהיה להם כח החזק וזריזות לב לעסוק בתורה, ובאמת יכול ללמוד בשעה אחת מה שזה מצטער ועוסק בשני שעות, ובודאי שניהם יש להם שכר בשוה.
על כן אמר 'שוא לכם', דהיינו בחנם לכם שאתם מצטערים ומשכימים בבוקר, ו'מאחרי שבת' בלילה וממעטים שנתם, זה בחנם, כי 'כן יתן ה' לידידו שינה', דהיינו מי שישן הרבה כדי שיחזק מוחו בתורה, נותן לו הקב"ה חלקו בתורה כמו אותו שממעט בשינה ומצטער עצמו, ע"כ.
וכתב בנוצר חסד (פ"ג מ"ד), לא יהיה ניעור יותר מדאי, ונמצא כל ימיו בשינה. כי מי שרוצה לעבוד השי"ת בדביקות ואור אלקי, ושמחה ורצון, צריך שיהיה מוחו ברור וזך וצלול, וגופו חי. ואם הוא ניעור הרבה סימן שאין לו חיות וכו'.
וכן אמר אבי הצדיק מורינו הרב אלכסנדר זצ"ל לאיש אחד שהיה מייגע עצמו להיות טוב ולא ישן, אמר לו, מוטב לך שתהיה שני שעות בן אדם, ולא עשרה שעות סוס וכו' ותישן כל ימיך, כי הנעירה יותר מדאי מזיק מאוד, ע"כ.

## עבודת הלוי

(ב) כשנשאל מבחורי חמד איזה דרך עדיפה, אם להשכים ללמוד באשמורת הבוקר, או ללמוד עד שעה מאוחרת בלילה, השיב שעדיף ההשכמה, ואפילו אם בלילה יוסיף ללמוד הרבה יותר ממה שילמוד בהשכמה, עם כל זה עדיף לשכב בזמן, ולהשכים בזמן, ובשום אופן לא לשכב בשעה מאוחרת.
והוסיף שיש שני סוגי עייפות, יש עייפות טבעית, ועל זה צריכים להיזהר להיות תמיד 'אויסגערוהט' על ידי שישן את השעות הנחוצות בלילה. ויש עוד עייפות שבאה מעצת היצר, ומי שמלומד במלחמה ורוצה ללחום אתו, צריך למסור את נפשו נגד העייפות להישאר ער בדווקא. ובזה יישב את הנהגתו, שהיה ער רוב הלילה, ועם כל זה לא דילג מעולם על עבודת ההשכמה.
לבחור שנכנס לקו"פ להתאונן ששכינו בחדר השינה מרעיש בלילה ומפריעו לישון, ענה ואמר: בחור צריך להיות כל כך מותש מעמלו מרוב הלימוד כל היום, שתיכף ומיד כשיכנס למטתו תחטפנו שינה.

## בארות הלוי

וכאשר האדם מחסר מלבוא בעת ההיא לבית המדרש, השכינה ממתנת עלינו וממתין שיבוא, כמובא בדברי חז"ל (ברכות ו, ב).
זקיני הק' זי"ע לא נטל ידיו לסעודת מלוה מלכה במוצאי שבת קודש, אלא בירך שהכל נהיה בדברו על כף מרק של דגים או על תפוחי אדמה וכו' (והשלימו למחרת לפני חצות, עיי"ש) והלך תיכף לישון, כדי לקום בחצות כמנהגו בכל לילה וכו', וכן בכל לילה הזדרז לשכב ולישון בזמן, ואם היה צריך לילך לסדר קידושין בחופה בהיותו אב"ד דטאהש והגלילות אזי תיכף כשנגמר החופה מיהר לביתו כדי שלא לשנות את סדר השינה שלו.
וגם אלו הנשארים בביהמ"ד ללמוד בלילה לא מצאו חן בעיניו, באמרו שאי אפשר ללמוד כראוי כשאין המוח צלול, מה שאין כן אם מקדימים לישון וקמים בבוקר השכם, וכאשר קם זקיני הק' בחצות, עבד עבודתו בהתגברות כארי, על כן נרגיל עצמינו לשכב בזמן כדי להתגבר כארי לקום בבוקר ללמוד בהתמדה באמת ובזהירות (שיח"ק ח"א עמ' שלח).
[ו] לא היה דעתו של הסב"ק זי"ע שאפשר לאדם לענות את גופו, לילך בלא אכילה יום שלם ולעבוד כך את ה', או ללמוד בלילה בלי שינה, ואמר שבדרך זה אין לאדם ישוב הדעת, ואין זו עבודה אמיתית, אלא האדם צריך לישון כמה שעות, כפי צורך בריאות גופו, וכך יכול לעסוק בתורה במוח צלול, ואמר שזהו עבודה אמיתית, עבודה מסודרת (שיח"ק ח"ג עמ' קא).
וביותר צריכים בחורי חמד היושבים בין כותלי בית המדרש, לזכור ולחזור יסוד זה, שאי אפשר לרמות אלא את עצמו, כגון מה שסידרה הנהלת הישיבה זמן מתי לישון בלילה, הרי סידרו כך משום שהבינו כי אם שוכבים בשעה זו, אפשר לקום באשמורת וללמוד במוח צלול ובכחות חדשים, ואם אחד משנה מסדר זה ומבטל הזמן בלילה, גם אם בסוף יקום באשמורת בזמן הקבוע כשאר חבריו, נטה בזה מדרך האמת, כי אי אפשר שיהא מוחו צלול וזך כמו אם היה שוכב בזמן שנקבע, נמצא כי בזה ששוכב לישון במאוחר הוא מרמה את עצמו וכו'.
הרי לנו עד היכן הדברים מגיעים, כי כאשר חסרה גרוגרת אחת ממאכלו, כבר נחשב כממעט ממלאכת בעל הבית, ולא עשה מלאכתו באמונה, כל שכן כאשר אינו ישן בלילה כראוי, שבודאי ממעט ומועל בעבודתו של כל היום, כיון שאין לו כח ללמוד כראוי, ומוחו אינו מיושב כראוי, ובלי מוח צלול הרי אי אפשר להצליח בלימוד התורה (פתגמ"ק ח"א עמ' קכג).
מרגלא בפומיה של זקיני הסב"ק זי"ע, שאמרשמי שאינו ישן די צרכו, אזי עבודתו חסרה חיות, וכלשון קדשו "עס איז א' טויטע עבודה" [-זו עבודה מתה]. ולא הוה ניחא ליה דרכם של מאחרי שבת בבית ה' בלילות, באמרו שאי אפשר ללמוד כראוי בלילה כשאין המוח צלול, אלא יש להקדים את זמן השינה, ולקום בבוקר השכם (עבודת הלוים ח"ב עמ' קכא).).

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.

## טיהר את עיר טבריה – קידוש השם ביים מעמד ההדלקה

א גוטן לכבוד די חשובע מערכת.

מען שטייט יעצט נאך ל"ג בעומר און אנשי שלומינו האבן מיטגעהאלטן די דערהויבענע הדלקה, וויל איך ארויסברענגען מיינע הרגשים, שטייענדיג נאך אזא דערהויבענע מעמד, וואס די געפילן איז פארשטייט זיך נישט שייך בכלל צו ארויסצוברענגען, אבער דאך איז כדאי צו דערמאנען איין געוויסע פרט וואס האט זיך היי יאר שטארק אנגעזעהן די גרויסע כוחות וואס די עסקני הקהלה האבן אריינגעלייגט צו טון אין די פעולות בבחינת "טהר את עיר טבריה".

ווען עס האבן זיך צוזאמגענומען א ריזן ציבור ביים מעמד הדלקה לכבוד התנא האלקי, און בפרט אז עס האבן זיך אויך באטייליגט ביים מעמד מענטשן וועלכע קומען פון די קליינע געגנטער צווישן טאהש און מאנטריאל, און זענען נישט ממש מאנשי שלומינו, האט מען היי יאר אריינגעלייגט עקסטערע כוחות אז מ'זאל חס ושלום נישט ארויסנעמען קיין סמארטפאונס ביי די גאנצע מעמד הדלקה. וואס אזוי ארום האט מען אביסל אוועקגענומען די ווייטאג פון די היימישע טאהשער ציבור, וואס האט געקענט מיטהאלטן מיט מער לויטערקייט און הייליגקייט די גאנצע מעמד הדלקה, וויסנדיג אז די הדלקה איז ריין פון כלים.

אנגעהויבן האט זיך עס נאכדעם וואס מ'האט אנגעזען די צעטלען פון די קהלה אז מ'האט געשטעלט ספעציעלע ממונים צו מעורר זיין דעם עולם בדרכי נועם אז ס'זאל חס ושלום נישט צוקומען צו קיין חילול השם. און בפרט ווען בפקודות הקודש ובנוחכות פון רבי'ן זאל זיין געזונט, האט דער משב"ק מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו אויסגערופן, איבערחזרנדיג סיי אין אידיש און סיי אין ענגליש אז פון סיי וועלכע קרייז זאל מען פארשטיין, אז דער רבי בעט אז מ'זאל בשום אופן נישט ארויסנעמען קיין שום כלי במשך די גאנצע הדלקה און אין סיי וועלכע עפנטליכע פלעצער. און ס'האט גאר שטארק ארויסגעבערנגט רצון קדשו פון רבי'ן אז "והיה מחנינו קדוש", אז ס'זאל נישט אנגעזען ווערן קיין שום כלי אין סיי וועלכע ציבור'ישע מעמד.

עס האט זיך טאקע אנגעזען די גוטע תוצאות פון די פעולות לטובה, ווען די הדלקה איז ברוך השם געווען הייליג און דערהויבן.

און ס'איז זיכער א מורא'דיגע זכות, און ס'איז זיכער אז רבינו הקדוש זי"ע האט הנאה פון דעם בשמי מרום, און אזוי אויך דער רבי זאל זיין געזונט האט א קורת רוח אז מ'איז ממלא רצונו, כידוע דעם רבינ'ס ווייטאג אויף די אלע ביטערע כלים, ווי דער רבי האלט אין איין חזר'ן ביי די דברות קודש אז מ'זאל האלטן די תקנות פון די רבני קהילותינו הק'.

אן אינטערעסאנטע אנקעדאט האב איך מיטגעהאלטן, ווען צווישן דעם ציבור ספרדישע אידן וואס האבן מיטגעהאלטן די הדלקה, האב איך באמערקט אז איינער פון זיי האט אינמיטן אויף א מינוט ארויסגענומען א סמארטפאון, ווען זיין חבר האט דאס באמערקט האט ער אים דערמאנט אז דער רבי לאזט נישט, און ער האט עס טאקע תיכף אוועקגעלייגט. צוזעהענדיג די אופן וויאזוי עס איז צוגעגאנגען, און בכלל ווי באקאנט וואס די ספרדישע אידן האבן א געוויסע עקסטערע תמימות און ערליכקייט, האב איך ארויסגענומען א מוסר השכל פאר אונז אויך, יעדער אויף זיין מדריגה, צו נאכגיין און פאלגן מיט א תמימות די דעת תורה פון אונזערע רבנים ודיינים, און בפרט אין דעם ענין פון טעכנעלאגיע זיך צו האלטן מיט די גדרים וסייגים מיט א שטארקייט, און זיכער צו מאכן אז והיה מחנינו קדוש.

איך וויל נאכאמאל באדאנקען די אלע עסקנים וואס האבן ארויסגעהאלפן דערצו, דער אייבערשטער זאל העלפן די זכות זאל זיי ביישטיין, זיי זאלן האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

## וויאזוי פראוועט א טאהשער בחור בין הזמנים

לכבוד מערכת "באור החיים" שע"י מפעל איחוד טאהש.

קודם וויל איך זיך באדאנקען פארן מורא'דיגן גליון "באור החיים", וואס דינט אלס א פלאץ וואו מען קען זיך אביסל אנשעפן פונעם ריינעם קוואל און דער ריינער השקפה. ברוך השם אז עס איז דא אזא פלאץ וואס גיט אזוי פיל צו פאר דער גאנצער חסידיש'קייט און אידישקייט פון אונזער הייליגער קהילה.

אלס א הוספה צו א בריוו פון פארגאנגענע וואך (אמור), איבער די רייכע בראשונר 'בית אולפנא', וויל איך זיך אביסל אויסדרוקן דא צווישן די שורות "מאנ"ש לאנ"ש" – עס איז דאך א גליון פנימי, צווישן אונז גערעדט. אלס איינער וואס האלט אביסל

מיט וואס עס טוט זיך היינט אין די וועלט – אפילו ביי גוטע בחורים אין גוטע ישיבות – ווייס איך ליידער דעם "יוסיף דעת יוסיף מכאוב". טאקע דערפאר דאנק איך דעם אייבערשטן אויף די זכיה אז די ישיבה שטייט על מכונו מיט א שטארקייט, און אונזערע בחורים האבן ווי צו שטייגן על דרך התורה והמסורה.

וכיהודה ועוד לקרא, וויל איך צושטימען צום כותב פון יענע בריוו, אז יעצט בין הזמנים האט מען טאקע געקענט זען בחוש, וויאזוי עס קוקט אויס א טאהשער בחור מיט אן איידלקייט און ערליכקייט, אן קיין טעלעפאן וכל שום חינוכא דאית ליה פון די אלע מרעין בישין וואס דרייען זיך היינט. חלילה קיינעם צו מגרע זיין, נאר ארויסצוברענגען לשבח די מעלה, די גרויסקייט און די אפגעהיטנקייט וואס דער הייליגער רבי זי"ע האט איינגעפלאנצט און אריינגעבאקן דא אין דעם הייליגן מקום; און ברוך השם "עוד יוסף חי", מען זעט בחוש ווי די גאנצע המשכה האט א קיום.

ווי געזאגט, וויסנדיג וואס עס טוט זיך היינט מיט בחורים, האט דאס הארץ אביסל געקלאפט די גאנצע צייט פון בין הזמנים. מען ווייסט דאך זייער גוט וויאזוי בחורים – אפילו די וואס ווערן פארדעכנט אלס עכטע וואוילע און גוטע בחורים, און זאלן זיי אפילו הייסן חסידישע בחורים – וויאזוי זיי פראווען אפ א בין הזמנים. נישט אומזיסט שרייבט דער הייליגער של"ה הקדוש "ולא יזכר ולא יפקד שם בין הזמנים ויעקר מן העולם", און ליידער ווערט דער פשט דערין יעדעס יאר מער און מער. עכ"פ, ווי נענטער עס איז געקומען צו א נייעם בין הזמנים, שטייענדיג שוין א יאר שפעטער אינעם לוח בשנת תשפ"ו, האט דאס הארץ געקלאפט: וויאזוי גייט דאס מאל אויסקוקן דער בין הזמנים?

איך וויל טאקע קלאר ארויסברענגען לשבח – לא דומה זה לזה – וויאזוי א תלמיד פון ישיבה פראווועט אפ א בין הזמנים. איך פיל ווי איך קען רעדן פשוט אלס א טאטע פון א תלמידי הישיבה, עס איז ממש א נחת צו זען זיין גאנצע באנעמונג אינדערהיים און זיין אויפפירונג מיט כיבוד אב ואם; עס איז ממש א ברכה צו מאכן. איך האב טאקע געזעהן אין באור החיים אויף פסח ווי עס איז געווען געדרוקט די דב"ק פון רבינו שליט"א סוף זמן אין ישיבה, ווי דער רבי האט גערעדט אז די בחורים האבן יעצט אן עקסטערע מצוה פון כיבוד אב ואם.

בדרך אגב, האט מיר א בחור דערציילט אז איינע פון די מגידי שיעור אין ישיבה האט גערעדט צו די בחורים איבער דעם, און ער האט געזאגט אז היות ער קומט נישט אויס צו זיין אזוי אפט ביי זיין טאטן ווייל ער וואוינט דאך אין טאהש, דעריבער אין א טאג וואס ער פארט צו זיין טאטן, האט ער אינזין אינדערפרי ביים טובל'ן זיך מקיים צו זיין א מצות עשה דאורייתא פון כיבוד אב ואם.

נאכאמאל א גרויסן יישר כח פארן מיר געבן דעם מייק אין די הענט, ווי מ'זאגט, אויסצורופן דאס גוטס וואס מיר האבן. צווישן אונז גערעדט, קען מען נישט גענוג אפשאצן וואספארא אוצר מיר האבן דא. זאל דער אייבערשטער העלפן ווייטער.

א דאנקבארע טאטע מתלמידי הישיבה

---

יגיל וישמח לבנו, בראות עיניו, שמחת חברינו, מחשובי תלמידי ישיבתינו, האהוב עלינו, מתמיד בתורתינו, בעל מדות נפלאות בינינו, מלא שמחת יהדותינו, מטובותיו ישביענו, נעים לנפשנו, מקטין עצמו לכל חברינו, רוח חיים לרוחינו, ובמזלא טבא נושיט ידינו,

ה"ה הבחור החשוב והיקר

# החתן נחמן חיים קליין ני"ו

## בן הרה"ח ר' יואל שלמה זלמן הי"ו

## לרגל בואו בקשרי החיתון למזל טוב ובשעטו"מ

## עב"ג בת הרה"ח ר' נתן פריעדמאן הי"ו

## חתן הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט"א

### אב"י בקריתינו הק' יע"א

### ראשית ביכורי שמחת ישיבתינו הק'

**נ**גיל ונשמח ונשיש בהגיע עת דודים לתלמיד בישיבתינו
**ח**ברינו היקר דבוק בתורת ה' יומם ולילה מה טוב חלקינו
**מ**ה טובו אהליך חטוף ואכול מלמי של תורה כל ימי חיינו
**נ**חלתך הם מדות ישרות למודי ה' ירושת אבותינו ורבותינו
**ח**יי עולם נטע בתוכינו בכותלי ישיבתינו ועתה מצא חיים
**י**שבת מושב טוב ובתפלתינו עמדת בלב ונפש לאלקים חיים
**י**ערב בקשותיך לפני אלקינו וימלא משאלותיך לחיים
**מ**צאת אשה מצאת טוב ויעש ה' עמך חסד וראה חיים
**ק**ול רבינו שליט"א העומד ומעתיר בעדינו עשתה פירות בקרבינו
**ל**מצוא זיוג הגון כי לו נאה כי עיני רבינו שליט"א תמיד לטובתינו
**י**הי רצון שתבנה בית נאמן בישראל על דרך ישראל סבא, ה' עננו
**י**הי ביתך כבית פרץ ורחל ולאה אשר בנו בית ה' והיא תפארתינו
**נ**צר מטעך יוציאו בנים ובני בנים עוסקים בתורה הק' ומצותינו, אכי"ר

דברי ששון מחבריך

**תלמידי ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק**

**אברהם ארי' מאירוביץ - אהרן משה ראטטענשטיין - שמחה אלעזר טייטלבוים - אלי' שטיין - זעליג גאלדשטיין - יצחק בנימין ניימאן - שלמה זלמן סאמעט - שמואל מאיר לייפער - וכל חברי הכתה**

**גם אנו מן המברכים, הלא המה יורוך מוריך**

**המרביצי תורה**

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:

## דערהויבענע מעמד "הנחת תפילין" און פייערדיגע שחריתביים באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אין ישיבתינו הק'

פארגאנגענעם מאנטאג פר' במדבר העעל"ט האט רבינו שליט"א אפגעשטאט א דערהויבענע באזוך בהיכל ישיבתינו הקדושה וועלכע האט איבערגעלאזט א רישומא דקדושה אויף די בחור חמד.

דער רבי איז אנגעקומען פארטאגס צום בנין הישיבה און תיכף געגאנגען אין די מקוה מהודרת. נאכן עוסק זיין בעבודתו האט דער רבי א לענגערע צייט געגעבן דברי הדרכה והכנה למצות תפילין פארן חשובן בר מצוה בחור הבה"ח מרדכי שמעון נ"ו בן הרב אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א נכד רבינו הקדוש זי"ע.

תיכף נאכן ענדיגן לערנען די טעגליכע שיעור בספרי חסידות, איז דער רבי ערשינען בהיכל הישיבה וואו עס זענען אויך אריבערגעקומען בחורי ישיבה גדולה תורת משולם פייש, און דער רבי האט געלייגט תפילין פארן בר מצוה בחור. באלד נאכן מעמד הנחת תפילין האט מען זיך געשטעלט דאווענען א פייערדיגע תפילת שחרית, מיט די בחורים פוןביידע ישיבות.

צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח חיים דוד ברי"נ מאירוביץ נ"ו, בעל קורא איז געווען הבה"ח צבי הירש בר"י קרויס נ"ו. פתיחה איז מכובד געווארן הרה"ח מוה"ר ראובן מנחם שווארץ הי"ו משב"ק, כהן הרה"ג רבי אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ בישיבה, לוי הב' הבר מצוה הבה"ח מרדכי שמעון נ"ו, און דער טאטע האט געמאכט ברכת שפטרני בשם ומלכות כנהוג, שלישי הרה"ח מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק ובריח התיכון דישיבותינו הקדושות בניו יארק, הגבה האט דער רבי מכבד געווען הרב אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל שליט"א, גלילה מוה"ר יעקב קאפל האס הי"ו.

תיכף נאך תפילת שחרית איז פארגעקומען א גרויסארטיגע מסיבת לחיים לרגל די שמחת הנחת תפילין ולרגל הילולת רביה"ק מהרא"צ מקאמארנא זי"ע.

דער רבי האט א לענגערע צייט משמיע געווען מדברותיו הק', און ארומגערעדט דברי הדרכה משולב בעניני דיומא, און ווארעם אנגעוואונטשן פאר די תלמידי הישיבות. דערנאך האט דער רבי געוואונטשן לחיים פאר יעדע בחור באזונדער דורכגייענדיג אין א שורה.

*

## תלמידי הישיבה האלטן מיט דערהויבענע מעמדים ביום הנשגב ל"ג בעומר בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

תלמידי ישיבתינו הק' האבן זיך געגרייט בהכנה דרבה, מיטן לערנען ספעציעל שעות רצופות בלי הפסק, און דער קול התורה האט אפגעהילעכט ביי אלע סדרי הישיבה, זיך גרייטענדיג צום גרויסן טאג ל"ג בעומר, וואס מ'איז געפארן פראווען באתרא קדישא קרית טאהש יע"א בצל הקודש פון רבינו שליט"א.

מאנטאג פר' בה"ב העעל"ט באלד נאך תפילת שחרית האבן זיך די בחורים ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין קריתינו הקדושה. אויפן וועג האבן די בחורים אויסגענוצט די צייט מיטן עוסק זיין בתורה אינעם ספעציעלן קונטרס וואס איז געדרוקט און אויסגעטיילט געווארן מיט די גמרות בעניני ל"ג בעומר, זוהר הק', נתיב מצותיך, עבודת עבודה, וכו'. ווי אויך איז געהערט געווארן שיינע שמועסן פון די חשובע רמ"י הישיבה שליט"א.

אנקומענדיג האבן זיך די בחורים מסדר געווען אין דארמיטארי אין בנין הישיבה קטנה, און מען איז געגאנגען טועם זיין בביתו נאוה קודש #9, וואו עס איז געווען צוגעשטעלט ספעציעל פאר די בחורים די סעודות




וטעימה דורכאויס די גאנצע צייט מיט א גוואלדיגע געטריישאפט דורכן לאנג יעריגן געטרייען עומד בראש, הרה"ח ר' אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו מנאמני בית רבינו שליט"א.

דערנאך האט מען גדאווענט מיט התלהבות תפלות מנחה מעריב צוזאמען מיטן רבי'ן בביהמ"ד הגדול, אריינטרעטענדיג דערמיט אינעם הייליגן טאג ל"ג בעומר. תיכף נאך מעריב האבן די בחורים מיטגעהאלטן די דערהויבענע מעמד הדלקה, דברות קודש, נגינה ושירה וריקודין לכבוד התנא האלקי רשב"י אויף די באשטימטע פלעצער אויף די פארענטשעס.

דינסטאג ל"ג בעומר צופרי איז געווען א סדר הלימוד אין ביהמ"ד הגדול, דערנאך האט הרב הגאון פאמ"ק רבי מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע בישיבתינו הק' אויפגעטרעטן מיט א שטארקע דרשה בגודל קדושת היום כי נורא הוא, און וויאזוי די בחורים זאלן דאס אויסנוצן, און זיך אנשעפן פון דעם הייליגן טאג באתרא קדישא הדין וואס רביה"ק זי"ע פלעגט צו זאגן "רבי שמעון איז דא".

מ'האט זיך געשטעלט דאווענען תפלת שחרית צוזאמען מיט די תלמידי ישיבה גדולה פון נ.י., צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח אריה אלימלך הכהן לאנדא ני"ו. נאך פרישטאג איז געווען א פעסטע סדר הלימוד בשעות רצופות.

נאכמיטאג איז דער רבי אריבער געקומען אין היכל הביהמ"ד הגדול און זיך אומגעקוקט מיט הנאה וואו די בחורים לערנען פלייסיג. דערנאך זענען אלע בחורים אריבער לברך ולהתברך, און די בחורים האבן איבערגעגעבן די אויסגעפולטע קארטלער וואו מ'האט געצייכנט די לימודים והתנהגות פון די ימי בין הזמנים העעל"ט.

מ'האט זיך געשטעלט דאווענען תפלת מנחה בראשות רבינו שליט"א, צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח אברהם אריה מאירוביץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאך מנחה זענען די בחורים ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע, בראשות דעם רבי'ן, אויסצוזאגן ספר תהלים בהאי יום הנשגב ובמקום קדוש המסוגל.

תיכף נאך אמירת ספר תהלים איז פארגעקומען א גאר אינהאלטסרייכע דרשה נפלאה דורך הרב הגאון פאמ"ק רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט"א מגיד מישרים קריתינו הק'. פארלערנענדיג אין זוה"ק בטוב טעם ודעת די פארצטיגע פטירת פון רשב"י, און דערציילט ערשט האנטיגע סיפורים ועובדות מעבודתו פון רביה"ק זי"ע. ווי אויך האט ער ארויסגעברענגט זיין שטארקע הנאה וקורת רוח פון די חשובע תלמידי הישיבה, ביים פראווענענדיג א שבת בהיכל הישיבה של רבי, ישיבה גדולה תורת משולם פייש אין ניו יארק.

די בחורים האבן דערנאך מיטגעהאלטן דעם ל"ג בעומר טיש, שמחת התנאים וסיום מסכת חבורת 'מזון הנפש' וואס רבינו שליט"א האט געפראוועט בביהמ"ד הגדול.

נאכן שלחן הטהור ותפלת מעריב זענען די בחורים צוריק ארויס געפארן בשעטומ"צ עלי דרך קיין ניו יארק, אנגעשעפט מיט פרישע כחות הנפש מלא התחזקות, וואו מ'איז ב"ה אנגעקומען אין די פארטאגס שעה'ן צום בנין הישיבה, געגאנגען אין מקוה, גדאווענט שחרית כותיקון, דערנאך איז געפראוועט געווארן א מסיבת לחיים לרגל די יומא דהילולא פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

בהר-בחקתי - תשפ"ו לפ"ק

## זונטאג פר' בהר-בחקתי

דער רבי האט מנחם אבל געווען ביי משפחת חסן, וועלכע זענען געזעצן שבעה נאך זייער פאטער הרה"ח ר' יעקב חסן ע"ה, דער רבי האט מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

## דינסטאג פר' בהר-בחקתי

דער רבי האט מנחם אבל געווען ביי משפחת ש"ב הרה"ח ר' שלום ישראל פעקעטע ע"ה, דער רבי האט מחזק געווען די גאנצע משפחה און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## דאנערשטאג פר' בהר-בחקתי

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר יהוסף מרדכי מערמעלשטיין הי"ו פון מאנטריאל, דער רבי האט געגעבן דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאכמיטאג האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי הרה"ח ר' משה יודא גאלדבערגער הי"ו פון מאנסי, וועלכע איז געזעצן שבעה נאך א ברודער, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

## עש"ק פר' בהר-בחקתי

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן הרב ישראל ניימאן שליט"א אב"ד שער התפלה פון לעיקוואד, דער רבי האט געגעבן דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## שב"ק פר' בהר-בחקתי

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרב אהרן ישעי' פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג, הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן, הרב ישעי' פריעדמאן שליט"א פון וומסב"ג, הרב יואל ווייזער שליט"א פון קרית יואל נכד רביה"ק זי"ע.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן, שיר המעלות הב' אלעזר שטערן ני"ו בן אדמו"ר מ'ליזענסק שליט"א. שבח נותנים לו מו"ה יודא עהרענפעלד הי"ו פון מאנסי.

נאכן בענטשן איז פארגעקומען די שמחת השלום זכור פון נכד רבינו שליט"א, בן הגה"צ רבי שמואל שליט"א חדב"ן. דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך, מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים, דער רבי האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן איידעם.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

אינדערהיים איז פארגעקומען א באטע לכבוד די שמחת השלום זכור, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א האט פארגעזינגען ניגונים, דער רבי האט געטרינקן לחיים, און מען האט געוואונטשן מזל טוב לכבוד די שמחה.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יצחק סג"ל נייהויזער שליט"א ר"מ בישיבה גדולה. שחרית האט געדאווענט הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן

שליט"א חדב"ן, לוי מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו, שלישי הרב יואל ווייזער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע רביעי הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, חמישי מוה"ר יודא עהרענפעלד הי"ו פון מאנסי, ששי כ"ק אדמו"ר מ'ליזענסק שליט"א, שביעי הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג, אחרון-חזק הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הב' הבר מצוה בן מו"ה משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו. הגבה מוה"ר משה גליק הי"ו פון וומסב"ג, גלילה הב' אלעזר שטערן שליט"א פון מאנסי.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ליזענסק שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות הרב ישעי' פריעדמאן שליט"א פון וומסב"ג.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הטישן איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן ב"ר משה גליק הי"ו פון וומסב"ג.

אז ביום השביעי מוה"ר שלמה קליין הי"ו פון אנטווערפן. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרב ישעי' פריעדמאן שליט"א. שיר המעלות הב' דוד ב"ר יואל קלמן הערשקאוויטש נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הגה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר מרדכי הערשקאוויטש הי"ו. די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק, לוי מוה"ר ברוך אברהם סג"ל נייהויזער הי"ו, שלישי מוה"ר חיים יודא גראד הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מו"ה אברהם טרעפ הי"ו.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, מוה"ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו, מו"ה דוד יודא מערמעלשטיין הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס און צו מעריב איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ליזענסק שליט"א. שיר המעלות הב' אליעזר זוסיא בידערמאן נ"ו.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב' אלימלך אלי' ב"ר יואל קרויס נ"ו תלמיד ישיבה גדולה, די הבדלה האט געהאלטן הב' יעקב ב"ר אלימלך סג"ל לאווען נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

⋄

שפעטער איז דער רבי ארויס צום ציון, און מתפלל געווען ביי די שוועסטער הרבנית הצדקית ברכה חנה ז"ל צו די יארצייט וואס איז געפאלן ביינאכט.

## זונטאג פר' במדבר

אינדערפרי נאך תפילת שחרית האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין ניו יארק, צו באשיינען די שמחת הבר מצוה פון הבחור החשוב בנש"ק מרדכי שמעון נ"ו, בן הרב פאמ"ק אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, א זון פון הרה"צ רבי מרדכי סג"ל זצ"ל, בנו בכורו פון רביה"ק זי"ע.

אנקומענדיג אין קרית יואל איז פארגעקומען א לענגערע אסיפה איבער די הרחבת גבולי הקדושה פון די ישיבה גדולה און ישיבה קטנה אין ניו יארק צום קומענדיגן זמן הלימודים הבעל"ט. דערנאך האט מען געדאווענט מנחה ומעריב בבית האכסניא.

ביינאכט איז דער רבי ערשינען אין די זאלן פון עטרת מלכה צו די שמחת הבר מצוה וואו דער רבי האט זיך געוואשן צום סעודה, און באשיינט דעם אויבן אן במשכ'ן גאנצע סעודת הבר מצוה, עס האבן זיך אנגעזעהן א גרעסערע ציבור משתתפים אנשי שלומינו, ורבני קהלתינו הק', חתני ונכדי רביה"ק זי"ע, וועלכע האבן זיך מיטגעפריידט בשמחת בית צדיקים.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, און דערנאך געטאנצן מיטן בר מצוה בחור און בני המשפחה.

⋄

נאך די בר מצוה איז דער רבי געווען אויף א באזוך ביי כ"ק אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א, ווי עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס, איבער די יומדהל"ק פונעם הייליגן רבי אליעזר'ל מ'קאמארנא זי"ע וואס געפאלט דעם היינטיגע טאג.

## מאנטאג פר' במדבר

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט תפילת שחרית בהיכל ישיבה קטנה תפארת משולם פייש אין קרית יואל, וואו עס האבן זיך אויך באטייליגט די בחורי תלמידי ישיבה גדולה.

פארן דאווענען איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הב' מרדכי שמעון נ"ו בן הרב אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, דער רבי האט צום ערשט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און דערנאך געלייגט תפלין פארן בר מצוה בחור בהיכל הביהמ"ד.

צום עמוד איז צוגעגאנגען הב' חיים דוד מאירוביץ ני"ו, פתיחת הארון מוה"ר ראובן מנחם שווארץ הי"ו משב"ק. בעל קורא איז געווען הב' צבי הירש קרויס ני"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ, לוי הב' הבר מצוה ני"ו, דערנאך האט הר"ר הירצקא שליט"א געמאכט די ברכת ברוך שפטרנו, שלישי מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק. הגבה הרב אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל שליט"א, גלילה מוה"ר יעקב קאפל האס הי"ו.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א מסיבת לחיים לכבוד די בר מצוה, ולכבוד די יומדהל"ק פונעם הייליגן רבי אליעזר צבי מ'קאמארנא זי"ע, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש ודברי הדרכה א לענגערע צייט. זייענדיג מחזק די חשובע בחורים, סיי די תלמידי ישיבה גדולה און סיי ישיבה קטנה ווייטער צו שטייגן בתורה ובעבודה ומדות טובות. נאכזאגענדיג מתורתו ועבודתו פונעם הייליגן בעל הילולא זי"ע וממשנתו של רביה"ק זי"ע.

דערנאך האט מען געזינגען פאסיגע ניגונים, און דער רבי האט פארטיילט שיריים פון די לקח פאר אלע תלמידים, און אלע בחורים האבן געהאט די געלעגנהייט אריבער צו גיין דעם רבי'ן נעמען שלום.

⋄

שפעטער איז דער רבי געפארן קיין מאנסי צום שטוב פון הרבני הנגיד ר' ישראל אלי' ברוך ענגל הי"ו מגדולי תומכי מוסדותינו הק', ווי עס איז פארגעקומען א מסיבת לחיים לכבוד די יארצייט פונעם הייליגן קאמארנא'ער זי"ע, ספעציעל פאר נגידים בעם להחזקת מוסדותינו הקדושים.

דערנאך איז דער רבי אריבער אויף ביקור חולים ביי הרבני החסיד ר' עמרם אונגאר הי"ו אין זיין שטוב אין מאנסי, דער רבי האט דורש געווען בשלומו, און עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס פון זכרונות ימי קדם.

שפעטער האט דער רבי באזוכט אין תלמוד תורה עבודת משולם פייש אין מאנסי, צום ערשט איז פארגעקומען א אסיפה מיט די געטרייע חברי הנהלת התלמוד תורה, דערנאך איז דער רבי ארומגעגאנגען אין אלע כיתות, און זיך אומגעקוקט מיט גרויס הנאה ווי די לעכטיגע קינדערלעך לערנען פלייסיג, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

דער רבי האט געדאווענט תפילת מנחה אינעם בנין התלמוד תורה, און דערנאך זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'.


בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהלתינו הק'

= פרשת ששה"ב שבועות =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק במדבר | דף צז. | דף צג: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף צז: | דף צד. | דף ה: | דף ג. |
| מאנטאג | דף צח. | דף צד: | דף ו. | דף ג: |
| דינסטאג ל"ג בעומר | דף צח: | דף צה. | דף ו: | דף ד. |
| מיטוואך התחלת סנהדרין | דף צט. | דף צה: | דף ז. | דף ד: |
| דאנערשטאג | דף צט: | דף צו. | חזרה | דף ה. |
| עש"ק פסח שני | דף ק. | דף צו: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' שבוע שחל בו שבועות

חבורת ז' עמודים - פא. - צד:

חבורת ה' עמודים - קע. - סוף המסכת

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא רופט קול איחוד טאהש

514-500-8674 - 718-451-8674

ביי 4-1 פון די מעין מעניו

פרנס

השיעורי תורה על 'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב לע"נ

האשה החשוב מרת עלקא בת ר' זיסל ע"ה פיליפסון

יארצייט ביום ג' סיון - ג' נשא הבעל"ט

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

718.451.8674 | 514.500.8674

0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:

**מיטוואך 12:00 מיטאג**



איחוד תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674

11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950